NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13351

KINDER FUN OKEAN

Lucy Fitch-Perkins

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

פּיאָנער

ל. פּיטש-פּערקינס

קינדער פון אָקעאַן

קאָאָפּעראַטיווער פאַרלאַג
קולטור-ליגע

שול- און פיאָנערן-ביבליאָטעק

פריוואטע ביבליאטעק
משה אדאנער
ניו-יארק

ל. פיטש-פערקינס.

קינדער פון אָקעאַן

יידיש — מ. שאַפּירא.

צענטראַלע יידישע ביבליאָטעק
און פּרעסע אַרכיוו

№ 35

קאָאָפּעראַטיווער פאַרלאַג
„קולטור-ליגע"
קיעוו — 1929

די ביבליאָגראַפישע פאַרצייכענונג פון
דעם בוך און די שיפרען פאַר ביבליאָ-
טעק-קאַטאַלאָגן זיינען אָפגעדרוקט אין
„צייט-שריפט פון דרוק" און אין דעם
„קאַרטן-רעפערטואַר" פון דער אוקראַי-
נישער בוך-פאַלאַטע.

מעלוכע-טרעסט „קיעוו-דרוק"
4-טע דרוק., וואָראָווסקע 42.
באַשט. 827, געדרוקט 3000.
אָקרליט 961 קיעוו.

1. דער אַלטער קורצעק.

— אוי, — האָט אַ געשריי געטון די מאַמע פונעם צווילינג ראַמאַן און ריטאַ; זי האָט זיך אופגעהויבן פון איר אָרט אונטער דער קאַקאָס־פּאַלמע און פּאָר קאַרגע עטלעכע טריט איז זי שוין געווען אין איר קליינינקער קיך. — פעליקס קערט זיך שוין אום פון פעלד, און די קינדער גייען שוין אַהיים פון שול. אַלע מיטאַמאָל! די קינדער האָבן זיך היינט געשפּעטיקט און זיי וועלן זיין זייער הונגעריק. מע דאַרף וואָס גיכער צעלייגן אַ פייער. דער רייז וועט זיך שנעל אָפּקאָכן.

זי האָט געוואָלט אייַנהייצן, איז אָבער אין קיך קיין האָלץ נישט געווען. איז זי דעריבער ווידעראַמאָל אַרויס פון קיך, זיך אַראָפּגעלאָזט מיט דעם קליינעם לייטערל און אַרונטערגעגאַנגען אונטערן הויז. זייער הויז איז געשטאַנען אויף הויכע סלופּעס, און אונטערן הויז איז טאָמיד געלעגן אַ קופּע טרוקענע צווייַגן.

אונטערן הויז האָט זיך אויך געפונען זייער הונט דינגאָ, ווען ער איז אינדערהיים געווען, און ס׳האָבן זיך דאָרט געוואַלגערט ליידיקע קוישן, אַ קופּע שטענגלעך פון ערדבים, אַן אַלטער וואָגן און ס׳איז געלעגן אַ קופּע ברעטער. צוויי היבער האָבן זיך שוין צו נאַכט באַזעצט אויף דער קופּע צווייַגן.

— אָקיש! — האָט געמאַכט די מאַמע פֿונעם צווילינג און אַ פּאַך געטון אָף זײַ מיט דעם בּרעג פֿון איר קלײד.

די הינער האָבּן זיך צעקוואָקעט און אַראָפּגעפֿלויגן אַראָפּ, און די מאַמע האָט דערווײַל אַ כאַפּ געטון אַ בּרעמניע האָלץ און זיך צוריק אופֿגעהויבּן אין קיך אַרײַן.

— ראַמאָן וועט מיר מוזן אָנטראָגן האָלץ, גלײַך נאָר ווי ער וועט קומען פֿון שול, — האָט זי געזאָגט צו זיך אַליין בּעיס זי איז אַרײַן אין קיך. זי האָט די האָלץ אַראָפּגעלייגט אָף דער פּאָדלאָגע און גענומען זיך מאַכן פֿײַער.

דער אויוון איז בּאַ איר פּאַשעט געווען אַ לאַנגער קאַסטן אָף פֿיר פֿיסלעך. דער קאַסטן איז אָנגעשאָטן געווען מיט ערד. צוערשט האָט זי אָף דערדאָזיקער ערד אַוועקגעלייגט דרײַ שטיינער אָט אַזוי ⊓ דערנאָך האָט זי צווישן די שטיינער אַוועקגעלייגט אַ קופּע טרוקענע צווײַגן און אײַנגעהייצט.

זי האָט איבּערגעשווענקט פֿיר הויפֿנס רײַז און אַרײַנגעוואָרפֿן אין אַ ליימענעם טאָפּ. דערנאָך האָט זי אין טאָפּ אָנגעגאָסן וואַסער פֿון עפּעס גאָר אַ מאָדנעם עמער. דאָס איז געווען אַ לאַנג שטיקל שטענגל פֿון בּאַמבּוק*).

דער פֿײַער האָט בּאַלד אָנגעהויבּן פֿריילעך צו קנאַקן, און די פּאַרע האָט זיך אין קלייניקע וואָלקנדלעך געטראָגן צום טשערעטענעם דאַך, איבּער פּעטראָס קאָפּ.

*) דער בּאַמבּוק — דאָס איז ווייער אַ גרויסער גראָז־געוויקס, וואָס זײַן שטענגל איז אינעווייניק פּונקט אַזוי פּוסט, ווי דער שטענגל פֿון אונדזער ווייץ אָדער קאָרן. אין די הייסע לענדער זײַנען די שטענגלעך פֿונעם בּאַמבּוק ווייער הויכע און גראָבּע.

ווען זי האָט דאָס אַלץ געהאַט אָפּגעטאָן, האָט פּעטראַ אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער, — זי האָט אָבער גאָרנישט נישט געקאָנט דערזען, ווײַל דאָס פענצטער איז געווען פאַרמאַכט. זייער פענצטער האָט נישט געהאַט קיין שויבן. דאָס איז געווען אַ מין באַוועגלעכע ראַם, וואָס אַנשטאָט גלאָז זײַנען אין איר געווען אײַנגעפּאַסט דינינקע מויערקעפּלעך. זי האָט אָפּגערוקט די ראַם און אַרויסגעקוקט אין דרויסן. טכילעס האָט זי דערהערט, ווי דינגאַ בילט, דערנאָך האָבן זיך צו איר דערטראָגן קולעס, און לעסאָף האָט זי דערזעען ראַמאָנען און ריטען. זיי זײַנען געגאַנגען לעבן דעם יאַם־אויסגוס, און דינגאַ איז אַרום זיי אַרומגעשפּרונגען און געסטאַרעט זיך אַ לעק טון זיי די פּענימלעך. פּעטראַ איז זיי אַרויסגעלאָפן אַנטקעגן און זיי אָנגעקושט. דערנאָך זײַנען זיי אַלע אינײַנעם אַרײַנגעגאַנגען אין קיך.

ווען ראַמאָן האָט אַרײַנגעטראָגן האָלץ פון אונטערן הויז, האָט ער זיך אָפּגערופן צו דער מאַמען:

— מאַנאָנג (אַזוי האָבן זיי ליב געהאַט צו רופן זייער מאַמען מיט אַ פאַרצויגענעם נאָמען), — איך בין אַזוי הונגעריק, אַז איך וואָלט איצט אויפגעגעסן אַ טעלער רײַז, וואָס איז גרויס אַט ווי אונדזער שטוב.

— און איך וואָלט אויך אויפגעגעסן, — האָט זיך ריטאַ אָפּגערופן.

— אוי, וואָס זאָל איך טון! — האָט די מאַמע אין פאַרצווייפלונג פאַרבראָכן די הענט: — די רײַז, וואָס קאָכט זיך אין טעפּל, וועט דאָך אַפילו נישט קלעקן אַף אָנצושיטן איין איינציקן צימער.

זי האָט זיך צעשמייכלט און צוגעגעבן:

— הערט נאָר, נענס מײַנע (אַזוי האָט זי ליב געהאַט צו רופֿן אירע קינדער מיט אַ פֿאַרצויגענעם נאָמען), — עפּשער ווילן גאָר אײַערע אויגן מער, ווי אײַערע מאָגנס? איך האָב אַרײַנגעטון אין טאָפּ פֿיר פֿולע הויפֿנס. ס׳וואָלט געווען זייער טרויעריק, ווען איר זאָלט זיך די בײַכלעך צעשפּאָרן.

ריטאַ האָט אַ קוק געטון אין טאָפּ אַרײַן.

— איך רעכן, אַז ס׳איז נישטאָ קײַן סאַקאָנע, מיר זאָלן זיך צעשפּאָרן די בײַכלעך, אויב דאָס אינגאַנצן האָסטו אָפּגעקאָכט, — האָט זי אויסגעשריגן, — איך וואָלט עס אַליין געקאָנט אויפֿעסן ביזן לעצטן ברעקעלע.

די מאַמע האָט שנין איצט נישט געשמייכלט.

— דאָס איז אַלץ, וואָס מיר פֿאַרמאָגן בײַ הײַנטיקן טאָג, — האָט זי זיך אָפּגערופֿן. — אונדזערע זעקלעך רײַז שטייען קימאַט ליידיקע; ביזן שניט וועט מען דאָך אין זיי קײַן נײַעם רײַז נישט אַרײַנשיטן, און דער טאַטע אַקערט ערשט דאָס פֿעלד צוליבן נײַעם פֿאַרזײ. פֿאַראַיאָרן, ווייסט איר דאָך, איז די גערעטעניש געווען אַ שלעכטע, און אויב מיר וועלן נישט שפּאָרן, וועלן מיר אינגיכן בלײַבן גאָר אָן רײַז.

די קינדערלעך האָבן זיך אַ לאָז געטון צו דער מאַמען.

— מיר קאָנען דאָך אָבער נישט לעבן אָן רײַז. דאָס איז דאָך אונדזער אײנציקער מײַכל! — האָט ראַמאָן געטײַנעט.

די מאַמע האָט אים אַ קניפּ געטון אין בעקל.

— נו, נו, איר וועט נישט דאַרפֿן הונגערן, — האָט זי געזאָגט, — און אויב מיר וועלן זײַן שפּאָרעוודיק און דער טאַטן וועט נאָך אָפּגליקן בײַם פֿיש־כאַפּן, וועלן מיר האָבן גענוג וואָס צו עסן, אַפֿילו אויב אונדז וועט בלײַבן גאָר ווייניק רײַז.

ריידנדיק אַזוי, האָט זי גענומען די סקאָוואָראָדע און אָנגעהויבן צעפּלאַזן נאָך אַ קליין פֿײַער אַפֿן אויוון.

— זעט נאָר, פּרעסערלעך, — האָט זי זיך אָפּגערופֿן, — איך וועל דאָ פֿאַר אײַך צוּבראָטן נאָך עטלעכע באַנאַנען, און אויב איר רעכנט, אַז דאָס וועט פֿאַר אײַך אויך זײַן ווייניק, קאָנט איר אַראָפּגיין צום טײַך און זען, עפּשער וועט איר דאָרטן פֿאַקן קראַבן.

— איך האָב דאָרט געזען עטלעכע קראַב־נאָרעלעך נישט ווײַט פֿונעם פּליט, — האָט ראַמאָן געזאָגט. — קום־זשע ריטאַ. — און די קינדער זײַנען אַוועקגעלאָפֿן צום טײַך דינגאָ האָט זיך אַוועקגעיאָגט נאָך זיי, ער האָט אַ גאַנץ וועג מיט פֿרייד געבילט און געלאָפֿן אַרום די קינדער.

— טוט אויס די טופּליעס, — האָט זיי די מוטער נאָכגעשריגן. — אויב איר וועט זיי נישט אויסטון, וועלן זיי ווער נאַס און שמוציק, און איר דאַרפֿט זיי דאָך האַלטן ריין. אַנישט וועט איר דאָך נישט האָבן אין וואָס צו גיין אין שול.

די קינדער האָבן זיך גלײַך אַנידערגעזעצט אַף דער ערד און אויסגעטון די טופּליעס. זיי האָבן איבערגעלאָזט די טופּליעס אונטער דער קאָקאָס־פּאַלמע און אַוועקגעלאָפֿן פֿאַזע ברעג, צום אָרט, וווּ דער פּליט איז געווען צוגעבונדן.

געקומען אַהינצו, האָבן זיי זיך גענומען גראָבן מיט שטעקעלעך אין שלאַם און זוכן די קראַב־נאָרעלעך. אַ טשערעפּאַכע, וואָס איז געזעסן אַף אַ קלאָץ און זיך געוואַרעמט אַף דער זון, איז מיט אַ פּלעשטשערײַ אַראָפּגעשפּרונגען אין וואַסער אַרײַן. אַ קליין פֿישעלע איז פֿאַמעלעך אַדורכגעשווומען לעבן ברעג צווישן דעם אַטשערעט. די קינדער האָבן געזען אַז די טשערעפּאַכע, אַז דאָס

פישל, זיי האָבן אָבער נישט געקאָנט געפינען קיין איין קראַפּאומזיסט איז ראַמאָן געלעגן אָפן בויך באַם ברעג, זיך געגראַבן מיטן שטעקעלע אין שלאַם און פאַרבלאָטיקט זיך די הענט ביז איבער די עלנבויגנס. אַז ער האָט זיך ענדלעך אופגעהויבן, זיינען זיינע קני אויך געווען פאַרבלאָטיקט.

— ווייזט אויס, אַז אַלע קראַבן זיינען אומגעקומען פון דער פעסט... איך וועל מער דאָ נישט זוכן, — האָט ראַמאָן געזאָגט: — דאָ וועלן מיר ישוין יעדנפאַלס קיין איינעם נישט געפינען, איך וועל גיין מיטן טייך אַרופצו און זיך פרווון דאָרט געפינען. היידאַ, געגאַנגען!

ער האָט זיך אַ שטעל געטון אַף די פיס, און זיי זיינען אַוועקגעלאָפן מיטן טייך אַרופצו. דינגאָ איז זיי נאָכגעלאָפן פוס־טריט.

זיי זיינען באַלד צוגעגאַנגען צו יענעם אָרט, וווּ דער אַלטער קאַראַבו *), דער קורצעק, האָט זיך געוואַלגערט אין קאַלעמוטנער וואַסער. איבער אים האָבן, ווי טאָמיד, אומגעפלאַטערט אַ טשאַטע שטעך־פליגן, און אַ ווייסע צאַפליע איז געשטאַנען אַף זיין פלייצע און דורשטיק געשלונגען דידאָזיקע שטעך־פליגן. דאָ נישט ווייט זיינען אומגעשווומען גענדז, וואָס האָבן געכאַפּט פליגן.

דינגאָ האָט נישט ליב געהאַט דעם קורצעק. איינמאָל, ווען דינגאָ האָט אַף אים געבילט, האָט זיך דער אַלטער קורצעק אַף אים אַ יאָג געטון. האָט דינגאָ דעמלט געמוזט אַנטלויפן און איבערשפרינגען איבער אַ באַמבוקפאַרקאַן. ער איז דעמלט גראָד אַרופגעשפרונגען אַף עפּעס אַ שטעכעדיקן געוויקס. די שאַרפע שטעכלקעס

*) בופלאַקס.

האָבן זיך אין דינגאָן אַזוי אײַנגעשניטן, אַז ער האָט זיך פֿון זײַ קאָם־קאָם באַפֿרײַט. דינגאָ האָט זיך אַוועקגעיאָגט אַהײם מיט אַן אונטערגעצויגענעם עק; אַ גאַנצן וועג האָט ער געוואָיעט און דערנאָך זיך באַהאַלטן אונטערן הויז, קעדײַ צו אָפּלעקן דאָרט זײַנע ווונדן. פֿון יעבער צײַט אָן האָט ער עס פֿײַנט געקריגן דעם קורצעק.

אַצינד, אַז ער האָט דערזעען דעם קאַראַבוּ, וואָס איז געלעגן אין וואַסער, האָט ער אַף אים אָנגעהויבן שרעקלעך צו בילן. דינגאָ האָט געוווּסט, אַז ער וועט נאָך באַווײַזן צו אַנטלויפֿן פֿריִער, אײדער דער אַלטער קורצעק וועט אַרויסקריכן פֿון בלאָטע און זיך נעמען נאָך אים יאָגן. איז ער דעריבער אַרומגעשפּרונגען אַפֿן סאַמע ברעג און געהאַלטן אין איין בילן, און ס׳האָט אויסגעזעען, אַז אָט־אָט וועט ער דעם קורצעק אַ ביס טון אין דער מאָרדע.

דער קורצעק איז בעטעווע געווען זײער אַ גוטער, ער האָט אָבער דינגאָן אויך נישט ליב געהאַט. דעריבער האָט ער באַלד גענומען פּאַמעלעך אַרויסקריכן פֿון וואַסער און האָט דערבײַ בייז געהירזשעט. ער האָט אויסגעזעען אַזוי שרעקלעך, אַז ער וואָלט אַרופֿגעוואָרפֿן אַ פּאַכעד אַפֿילע אַף אַ העלפֿאַנד אָדער אַף אַ טיגער, ווען זײ זאָלן נאָר געווען זײַן דאָ. זײ זײַנען אָבער, פֿאַרשטײט זיך, דאָ נישט געווען.

די ווײַסע צאַפּליע האָט זיך צעשריגן און זי איז אַוועקגעפֿלויגן אַף די מאַנגראָ־זומפּן *), אויסציִענדיק אַהינטער

*) זומפּן, פֿאַרוואָקסענע מיט בײמער אַזוינע, וואָס האָבן אַסאַך וואָרצלען, וועלכע הענגען אַראָפּ פֿון די בײמער־צווײַגן און וואַקסן אַרײַן אין דער ערד אַרום דעם שטאַם.

אירע לאַנגע פּיס. די געגנדז זײַנען אַוועקגעשווּמען אַרויף וואַסער, אַזוי שנעל ווי זיי האָבן נאָר געקאָנט, און דינגאָ מיט די קינדער זײַנען בליצשנעל אַוועקגעלאָפן אַהיים. פאַרשטייט זיך, אַז דער ערשטער איז געקומען צו לויפן דינגאָ. ער איז אַרונטערגעקראָכן אונטערן הויז און שוין געלעגן באַהאַלטן אונטערן וואָגן, בעת די קינדער זײַנען אַרויפגעלאָפן איבער די טרעפּ און אַרײַנגעפלויגן אין קיך אַרײַן.

— אוי־וויי! — האָט זייער מאַמע אויסגעשריגן, — איר האָט דאָך נישט געקאָנט אַזוי גיך אָנכאַפּן די קראַבן. פאַר־וואָס זײַנט איר געקומען צוריק?

זי האָט אַ קער געטון אירע אויגן פון דער סקאָוואָראָדע און דערזעען זייערע איבערגעשראָקענע פּעניםלעך. זי האָט דערהערט, ווי דינגאָ רײַסט זיך אונטערן הויז.

— וואָס־זשע איז געשען? — האָט זי אויסגעשריגן, קוקנדיק אַף זיי אַ פאַרווּנדערטע.

— דער ... קורצעק, — האָבן די קינדער פאַרסאַפּעטע קאָם אויסגעשטאַמלט... — ער איז נאָך אונדז געלאָפן! ער איז משוגע געוואָרן.

די מוטער האָט אַרויסגעלאָזט פון האַנט דעם באַנאַן וואָס זי האָט געוואָלט אַרופלייגן אַף דער סקאָוואָראָדע.

— ווו־זשע איז ער? — האָט זי געפרעגט, — ער האָט, ווײַזט אויס, צעבראָכן דעם פאַרקאַן, ווײַל דער פאָטער האָט אים אָפּגעפירט אַף פּאַשע־פּלאַץ.

זי איז צוגעלאָפן צו דער טיר און אַרויסגעקוקט אין דרויסן. אין דרויסן איז געשטאַנען דער קורצעק, אינגאַנצן אַ פאַרבלאָטיקטער, און ער האָט בייז געהירזשעט.

— ער איז דאָך מעשוגע! — האָט פּעטראַ אויסגעשריגן, און זי האָט אַזוי געשווינד פֿאַרמאַכט די טיר, פּונקט ווי זי וואָלט מיינען, אַז דער קורצעק קאָן אַרופקריכן איבער די טרעפּ און אַרײַנגיין אין קיך. — ער האָט אַ גאַנצן טאָג געשלעפּט דעם אַקער אָפן רײַז־פעלד, איז ער איצט, ווײַזט אויס, פון דער היץ ווילד געוואָרן... ער קאָן נאָך אַנטלויפן, און מע וועט אים צוגאַנוועגען... איז וואָס־זשע וועלן מיר דעמלט טון, אָן דעם קורצעק? דער פּאָטער וועט שוין נישט האָבן מיט וואָס צו ענדיקן אַקערן דאָס פעלד און ער וועט נישט קאָנען אָפּפירן דעם רײַז, אַז ער וועט צײַטיק ווערן, אָפן מאַרק צו פאַרקויפן. ווי אַזוי וועלן מיר עס לעבן אויב מיר וועלן הײַנטיקס יאָר נישט האָבן קיין רײַז! וואָ־זשע איז דער טאַטע?

— מיר וייסן נישט, מיר האָבן אים ניט געזעען, — האָבן זיך צעיאַמערט די קינדער.

די מוטער איז צוגעלאָפן צו דער פאָרנטיקער זײַט הויז. זי האָט אָפּגערוקט דאָס פענצטער און אַרויסגעקוקט. גלײַך פאַרן פענצטער האָבן זיך אויסגעשפּרייט די בלויע וואַסערן פונעם מאַנילער אויסגוס. ער איז געווען פאַרפּיקעוועט מיט זעגלען פון פישער־שיפלעך. דאָרטן איז, פאַרשטייט זיך, איר מאַן נישט געווען. זי האָט אַ קוק געטון אָף לינקס דאָרט האָט זיך געצויגן דער לאַנגער פּאַס פונעם אויסגוס־ברעג, מע האָט אָבער קיינעם נישט געזעען. זי האָט געכאַפּט אַ בליק אָף רעכטס, איבער דעם טײַך, וואָס איז נישט ווײַט פון זייער הויז אַרײַנגעפאַלן אין אויסגוס. דאָרט איז געשטאַנען אַ פּליט, פעסט צוגעבונדן צו אַ קאָקאָס־בוים פעליקס איז אָבער אָפן פּליט אויך נישט געווען.

— אוי, ווי איז מיר! — האָט זי צו די קינדער אויסגע־שריגן, — מע זעט דאָך דעם טאַטן אינערגעץ נישט.

זי איז צוגעלאָפן צום קיך־פענצטער, אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ און גערופן: „פעליקס, פעליקס!"

די קינדער האָבן אויך אַרויסגעשטעקט זייערע קעפּלעך דורכן פענצטער און געשריגן: „טאַטע, טאַטע!"

דערהערט זייערע קולעס, האָט אויך דינגאָ פון אונטערן הויז אָנגעהויבן צו בילן. דער אַלטער קורצעק האָט דער־הערט זיין בילן, האָט ער ביז אַ טרייסל געטון מיטן קאָפּ און זיך אַ וואָרף געטון גלייך צום הויז. אין נאָז האָט בײַ אים געשטעקט אַ רינג, און צום רינג איז צוגעפעסטיקט געווען אַ שטריק. דידאָזיקע שטריק איז געוויינלעך פאַר־וויקלט געווען אַרום איינעם פון זיינע הערנער, קעדיי ער זאָל זיך אָן איר נישט פאַרטשעפּען; איצט אָבער, פאַר דער צייט וואָס דער קאַראַבו האָט זיך געיאָגט נאָך דינגאָן, האָט זיך די שטריק אָפּגעבונדן און זיך נאָכגעשלעפּט אויף דער ערד. דער קורצעק האָט אויף דער שטריק אַרופגעטראָטן און זי האָט אים אַ שלעפּ געטון פאַר דער נאָז.

דאָס האָט אים נאָך מער אַרײַנגעבראַכט אין כּעס. ס'האָט דאָך אים שוין איצט שטאַרק וויי געטון. האָט ער אַרויס־געלאָזט אַ ווילדן רעווע און זיך אַ וואָרף געטון אין יענער זײַט, וווּ ער האָט גערעכנט פאַקן דינגאָן. דער קאַראַבו איז געווען צו גרויס, אַז ער זאָל קאָנען אַרונטערקריכן אונטערן הויז, דערצו האָבן אים נאָך געשטערט די באַמבוק־שטאַ־כעטן, וואָס האָבן אַרומגעצאַמט דעם גאַנצן פּלאַץ אונטערן הויז. דער קורצעק האָט אַראָפּגעבויגן זײַן קאָפּ און אַרונ־טערגעקוקט אונטער די טרעפּ.

אַז דינגאָ האָט דערזעען אַזוי נאָענט פֿון זיך דעם קאַראַבו, האָט ער זיך אַזוי צעקוויטשעט, פּונקט ווי ער וואָלט ווידעראַמאָל אַרופֿאַלן אויף די שטעכלקעס; ער האָט זיך שנעל אַ ריס געטאָן און אַרויסגעשפּרונגען פֿון דער אַנדער זייט הויז און אַוועקגעיאָגט זיך אין אַ פּאַהאַלט, ביז ער איז אינגאַנצן נעלעם געוואָרן פֿון די אויגן. ער איז אַדורכגעלאָפֿן דעם קאַקאַאָס־וועלדל, אויסגעמיטן דעם באַנאַנען־גאָרטן, פֿאַרבײַגעלאָפֿן די ווילדע באַמבוק־קוסטעס בײַם טײַך און לעסאָף זיך אָנידערגעזעצט מיט אַן אַרויסגעשטעקטער צונג אויפֿן שפּיץ פֿון אַ קליין בערגל הינטערן רײַז־פֿעלד.

פּונקט צו דערדאָזיקער צײַט איז פֿון הינטערן הויז אַרויסגעקומען דער טאַטע. ער האָט אין איין האַנט געטראָגן אַ ליידיק קוישיקל, און אין דער צווייטער — אַ באַמבוק־עמער, וואָס מע האַלט אין אים מילך. ווען דער אַלטער קורצעק האָט דערזעען דאָס קוישיקל, האָט ער זיך אַ קלער געטאָן, אַז איצעווייניק ליגט פֿאַר אים מיסטאַמע עפּעס אַזוינס געשמאַקס. ער האָט זיך באַרויִקט, אויסגעקערעוועט זיך און איז אַוועק גלײַך צו זײַן באַלעבאָס.

— גיי שוין אַרײַן, גיי שנעלער אַרײַן! — האָבן די קינדער מיט דער מאַמען געשריגן, — ער איז אינגאַנצן אַ ווילדער

זיי האָבן מוירע געהאַט, אַז דער אַלטער קורצעק זאָל נישט אַ נעם טאָן פֿעליקסן און נישט אַ וואָרף טאָן, אַזוי ווי די קאַראַבוס טוען אָפֿט, בעשאַס זיי זײַנען שטאַרק צעקאַעסט.

פֿעליקס האָט זיך אָבער נישט דערשראָקן. ער האָט אויסגעשטרעקט דאָס קוישל, און די גוואַלדיק־גרויסע כאַיע האָט אים אַרומגעשמעקט.

— אָרעמער, אַלטער קורצעק, — האָט זיך אָפּגערופן פעליקס.—דיר איז דאָך הייס געווען אַפן רײַז־פעלד, נישט עמעס?

— ער האָט זיך נאָך אונדז געיאָגט! — האָט ריטאַ אויסגעשריגן.

— ...מיר זײַנען געלאָפן אַהיים אַזוי שנעל, ווי מיר האָבן נאָר געקאָנט! — האָט ראַמאָן געשריגן.

— דינגאָ האָט אַף אים געבילט, — האָט די מוטער דערקלערט,—און דאָס האָט טאַקע דעם קורצעק אַרײַנגעבראַכט אין קאַעס.

פעליקס האָט פּעטרען איבערגעגעבן דאָס מילך.

— ברענג מיר וואַסער, — האָט ער געזאָגט צו ראַמאָנען.

ראַמאָן האָט אים אַרויסגעטראָגן וואַסער אין אַ לאַנגן באַמבוק־עמער. דער טאַטע האָט אָרופּגעגאָסן דעם קאַראַבו אַף דער פּלייצע אַ גאַנצן עמער וואַסער, און דער קורצעק איז געווען אַזוי צופרידן, פּונקט ווי אַ קאַץ בעשאַס מע טוט זי אַ גלעט.

— ער האָט זיך אינגאַנצן באַרויִקט, — האָט פעליקס געזאָגט, — און ער איז גאָרנישט קיין צעווילדעוועטער. ס׳איז אים הייס געווען, ער האָט זיך אײַנגעמאַטערט, און דער אײַנגעגעסענער דינגאָ האָט אים אַרויסגעבראַכט פון די קיילים. מע וואָלט באַדאַרפט אָפּגעוווינען דינגאָן בילן אַפן קורצעק. קום נאָר אַהער, ראַמאָן, האָסט נישט וואָס צו מוירע האָבן. קריך אים אַרוף אַפן רוקן און פיר אים אָפּ אַף פּאַשע.

ראַמאָן איז געוווינט געווען אַרומצוגיין אַרום דעם קאַראַבו. איז ער אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ, אַ נעם געטון דעם

קורצעק פאַרן פיצעלע עק, וואָס איז אים נאָך געבליבן, אָנגעשפּאַרט זיך מיט איין פוס אָן דעם קאַראַבוס הינטערשטן פוס, אַרופגעקלעטערט אַף אים און זיך אַנידערגעזעצט אַף זײַן ברייטער פלייצע. דער טאַטע האָט גענומען אין האַנט דעם עק שטריקל און אַוועקגעפירט דעם קאַראַבו צום פּאַשע־פלאַץ. דער גוטמוטיקער, פוילער קאַראַבו איז זיך פאָלגנדיק פאַמעלעך אַוועק נאָך אים.

ריטאַ און די מוטער האָבן אַף זיי געקוקט דורך דער קיך־טיר; און ווען זיי האָבן אײַנגעזעען, אַז דער קורצעק האָט זיך אינגאַנצן באַרויִקט, האָבן זיי זיך אומגעקערט צום אויוון. אוי־ווײ!—דער רײַז האָט זיך שוין מער נישט געקאָכט, דאָס פײַער איז פאַרלאָשן געוואָרן און דער רײַז איז געווען האַלב רוי.

ריטאַ איז אַוועקגעלאָפן נאָך צווײַגן, און די מאַמע האָט פאַנאַנדערגעבלאָזן די קוילן, ביז ס'האָט נישט אופגעפלאַמט דאָס פײַער. דעמלט האָט זי אונטערגעלייגט טרוקענע בלעטער און צווײַגן, און באַלד האָט דער רײַז אין טעפל ווידעראַמאָל פריילעך אופגעזאָטן.

ראַמאָן מיטן טאַטן האָבן זיך נישט גיך אומגעקערט, דער־פאַר וואָס זיי האָבן פאַריכט דעם באַמבוק־פּאַרקאַן אַרום דעם פּאַשע־פלאַץ, וואָס דער אַלטער קורצעק האָט צעבראָכן. ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט אַהיים, האָט שוין אַף זיי געוואַרט די וועטשערע, און כאָטש ס'איז טאַקע נישט געווען אַזוי פיל רײַז, וויפל זיי וואָלט זיך געוואָלט, דער־פאַר אָבער איז געווען גענוג געבראָטענע באַנאַנען, און פּעטראַ האָט נאָך כוצדעם אָנגעקאָכט טרוקענע פיש.

II. דער שלאַקס-רעגן. מע פאַרזעצט רייַז.

באַדערנאַכט איז צום ערשטן מאָל פאַר אַסאַך כאַדאָשים אַראָפּ אַ רעגן. טכילעס האָט מען נאָר געהערט, ווי ס׳שעפּטשעט דער ווינט אָפּן אָטשערעטענעם דאַך פונעם קליינעם הויז. דערנאָך האָבן די טראָפּנס אַלץ אָפטער און אָפטער גענומען קלאַפּן, און באַלד האָט דער רעגן אַ פלייץ געטון ווי פון עמערס.

פעליקס סאַנטאָס האָט זיך אופגעכאַפּט אַף זייַן געלעגער, וואָס איז באַשטאַנען נאָר פון אַ מאַט (אַ ראָגוזשע, אויסגעפלאָכטן פון אָטשערעט), אויסגעשפּרייט אַף דער פּאָדלאָגע און ער האָט זיך איבערגעקערט אַף דער אַנדערער זייַט. פעליקס האָט זיך אָפּגערופן צו זייַן ווייַב:

— ווי גוט איז עס, וואָס איך האָב שוין צעאַקערט דאָס רייַז־פעלד. די רעגנס האָבן זיך האַיאָר פרי אָנגעהויבן.

ער האָט עס געזאָגט, נאָר פּעטראַ האָט אים אָבער נישט געענטפערט, ווייַל זי איז בעיס־מייַסע נישט געווען אַף איר געלעגער.

פונקט אין דער מינוט האָט אַ שטראָמעלע וואַסער אַדורכגערונען דורכן לעכעלע פונעם אָטשערעטענעם דאַך, וואָס איבער זייַן קאָפּ, און אַראָפּגעפאַלן אים גלייַך איבער דער נאָז. ער איז אופגעשפּרונגען און אָפּגעווישט זיך מיטן אַרבל דאָס פּאָנים.

— ווּ ביסטוּ, פּעטראַ? — האָט ער אַ רוף געטון.

פּעטראַ האָט אָבער ווידעראַמאָל נישט געהערט זײַן קאָל, ווײַל פּונקט אין דערזעלבער צײַט האָט זי געפירט אַ קאַמף מיטן קיך־פענצטער. זי האָט געהאַט געלאָזן דאָס פענצטער אָפן, און דער רעגן האָט איצט דורך אים אַרײַנגעשמיסן. דער ווינט האָט אַזוי שטאַרק געבלאָזן, אַז פּעטראַ האָט קאַם געקאָנט פאַרוקן דעם פענצטער.

דער רעגן האָט אַרײַנגעשמיסן אינעם קוימען־לעכל, וואָס איבערן אויוון. אין צימער איז געווען פינצטער, נאָר ווען־ניט־ווען איז דאָס צימער באַלויכטן געוואָרן פון אַן אופגעפראַלטן בליץ. פעליקס איז אופגעשטאַנען, ער האָט אָפּגעשלעפּט זײַן מאַט אַף אַ טרוקן אָרט און איז אַוועק אין קיך אַרײַן אַ קוק טון, וואָס איז געשען מיט פּעטראַן.

ער איז געגאַנגען פאַמעלעך, אויסגעצויגן די הענט אַף צו פריִער, ווײַל ער האָט מוירע געהאַט זיך אָן עפּעס פאַר־טשעפּען אין דער פינצטער.

פּעטראַ האָט פּונקט פאַרמאַכט דאָס פענצטער, און זי איז זיך שטיל געגאַנגען צו איר געלעגער, אויך מיט אויס־געצויגענע הענט אַף פאָרויס.

„פעליקס איז טאָמיד אַזאַ מין פּעפער, — האָט זי זיך געטראַכט. — איך גלויב, אַז אָפילע ווען דער גאַנצער הימל זאָל אַף שטיקלעך צעזעצט ווערן איבער אונדזער דאַך, וואָלט ער זיך אויך נישט אופגעכאַפּט. ס׳איז אַ גרויס גליק, וואָס איך האָב מיך דערמאַנט פונעם פענצטער, אַנישט וואָלט מאָרגן אַלץ געווען פּיטש־נאַס״.

פּונקט אין דערדאָזיקער רעגע האָט זי זיך אָנגעשלאָגן אַף עפּעס אַ מין זאַך — אַ גרויס, אַ ווייכס און אַ לעבעדיקס,

זי האָט זיך אַזוי איבערגעשראָקן, אַז זי האָט גאָרנישט געקאָנט פאַרשטיין.

— מע הארגעט! גוואַלד, ראַטעוועט! פעליקס, ווו ביסטו? — האָט זי זיך צעשריגן.

פאַרשטייט זיך, אַז באַלד ווי זי איז אַף אים אַרופגעטראָטן, האָט פעליקס גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז פעטרא, און ער האָט זי געוואָלט פאַרהאַלטן, זי זאָל נישט אומפאַלן. זי איז שוין אָבער געפאַלן. פעליקס האָט זיך מיטן פוס פאַרטשעפּעט אָן אַ ברעג פונעם מאַט און איז אויך אַנידערגעפאַלן. נאָר ער איז נישט געפאַלן אינגאַנצן, ער האָט זיך נאָר אַ לייג געטון אַף די הענט און זיך גלייך אוועקגעזעצט, און פעטרא האָט זיך אַף אים אַרופגעוואַלגערט.

דערנאָך האָט דערלאַנגט אַ בליץ און ס׳האָט אויסגעזעצט אַזאַ מין דונער, אַז דאָס גאַנצע הויז האָט גענומען ציטערן. פעטרא האָט זיך אוועקגעזעצט אַפן דיל.

— אַך, דאָס ביסטו! — האָט זי אויסגעשריגן.

— נו, פאַרשטייט זיך, — האָט פעליקס געזאָגט מיט אַ ביי־זער. — ווער־זשע נאָך האָט איצט געזאָלט דאָ זײַן? איך בין אופגעשטאַנען קעדיי אוועקצונעמען דעם מאַט פונעם רעגן. דער דאַך רינט אַדורך, און דער רעגן גיסט מיר גלייך אַף דער נאָז.

— איך ווייס, פונוואַנען ס׳האָט אַדורכגערונען, — האָט זיך פעטרא אָפגערופן, — ווײַל דאָס וואַסער גיסט זיך פונקט איבער מײַן פלייצע, און איך זיץ אַצינד אין אַ גאַנצער קאַ־ליזשע. צינד גיכער אָן פײַער, מײַן טײַערער!

פעליקס האָט זיך אופגעהויבן און איז מיט פאָרזיכטיקע טריט אוועק אויסזוכן די שוועבעלעך. צוערשט האָט ער

זיך אָנגעשטויסן אָן דעם קליידער־קופערט און צעזעצט זיך די קני, דערנאָך ערשט איז אים געלונגען צו אויסגעפינען די שוועבעלעך.

זי האָט באַ פעליקסן פון די הענט גענומען א שוועבעלע, א ריב געטון אָן דיל און אָנגעצונדן דאָס לעמפּל.

באַם טריבן שײַן פון לעמפּל האָט זי אויסגעווישט די קאַליזשע, אַוועקגעשטעלט אונטערן גאָס א ליימענעם טאָפּ, געכאַפּט א קוק אף די קינדער, וואָס זײַנען געשלאָפן אף זייערע מאַטן, זיך איבערגעטון אין טרוקנס און ווידער געלייגט זיך שלאָפן.

אף מאָרגן אינדערפרי האָט דער רעגן אופגעהערט דער ווינט האָט זיך אָבער אַלץ נישט באַרויקט. דאָס וואַסער האָט געקאַפּעט פונעם אָטשערעטענעם דאַך, געגאָסן זיך אין רינעלעך אַראָפּ, און דער ווינט האָט אַלץ געוויגט דעם אָטשערעט. מוירעדיקע כמאַרעס זײַנען נאָך געשוווּמען איבערן הימל.

פעליקס און פעטראַ זײַנען פרי אופגעשטאַנען. פעליקס האָט געמאָלקן די ציג און געהאָדעוועט די איבעריקע באַלעבאַטים, און פעטראַ איז דערווײַל אוועק אין קיך אײַנהייצן און מאַכן אָנבײַסן. דער אויוון איז אָבער געווען אײַנגאַנצן א פײַכטער. די קליינע קופּע צווײַגן איז אויך געווען אינגאַנצן נאַס, האגאַם פעטראַ האָט באַנאַכט צוגעמאַכט דאָס פענצטער, אזוי אז פעטראַ האָט לאַנג נישט געקאָנט אײַנהייצן. די צווײַגן האָבן געסיקעט און געלאָשן זיך און די קיך איז פול געוואָרן מיט רויך. דער רויך האָט איר אויסגעגעסן די אויגן. ער איז אַדורכגעקראָכן אפילע דורך די שפּאַרונעס פון דעם שייד־ווענטל, און אפילע הינטערן

שייד־ווענטל, ווו די קינדער זײַנען געשלאָפֿן, איז אויך געוואָרן בלוי די לופֿט.

די קינדער האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט מיט א ניסערײַ. זיי האָבן זיך טייקעף אָנגעטון, אויפֿגעלייגט זייערע מאַטן און אַרויסגעפֿלויגן דורך דער טיר אין דרויסן אַרויס.

דינגאָ האָט אונטערן הויז אויך שלעכט פֿאַרבראַכט די־דאָזיקע נאַכט. איז ער אַרויסגעלאָפֿן אַנטקעגן די קינדער און פֿאַר פֿרייד זיך אַוועקגעוואַלגערט אַף דער פּלייצע. אַלע דרײַ זײַנען זיי איצט אַוועקגעלאָפֿן אויסזוכן די אייער, וואָס די הינער האָבן אָנגעלייגט, און אָנהאָדעווען די הינדעלעך.

ווען דער רײַז איז. ענדלעך, פֿאַרטיק געוואָרן און די גאַנצע פֿאַמיליע איז געזעסן באַם אָנבײַסן, האָבן זיי דערהערט א טופּען פֿון נאַסע פֿיס, און ס'האָט זיך באַוויזן אין טיר דינגאָס קאָפּ. אין די ציין האָט ער געהאַלטן אַ פּיטש־נאַסע טופּליע. ס'האָט אַוש געגאָסן פֿון איר.

אַז די קינדער האָבן עס דערזעען, האָבן זיי פֿאַרצווייפֿלט פֿאַרבראָכן מיט די הענט:

— אונדזערע טופּליעס, אונדזערע טופּליעס! — האָבן זיי אויסגעשריגן, — מיר האָבן זיי נעכטן איבער־געלאָזט אונטער די קאָקאָס־פּאַלמעס, בעשאַס מיר זײַנען געגאַנגען כאַפּן די קראַבן. מיר האָבן גאָרניט איבער־געקלערט, אַז ס'קאָן נאָך גיין אַ רעגן!

— אַצינד זעט נאָר, וואָס פֿון זיי איז געוואָרן, — האָט פּעטראַ אָפּגעזיפֿצט.

די קינדער האָבן אָבער נישט געוואַרט ביז די מאַמע וועט עפּעס זאָגן. זיי זײַנען טייקעף אַוועקגעלאָפֿן צו דער קאָקאָס־פּאַלמע. פּונקט דאָרטן, אַף יענעם אָרט, ווו זיי

האָבן זיי איבערגעלאָזן, זײַנען איצט געלעגן די טופּליעס, אַף דורך און דורך פאַרנעצטע.

ראָמאַן האָט זיי אופגעהויבן, אויסגעגאָסן פון זיי דאָס וואַסער, און די קינדער זײַנען אומעטיקע אוועק אהיים. באַם טיר איז געשטאַנען פּעטראַ מיט דער פערטער טופּליע אין האַנט.

— אַ גליק, וואָס הײַנט איז שאַבעס, — האָט זי בײַ געזאָגט צו איר צווילינג. — ווען הײַנט וואָלטן געווען לימודים, וואָלט אײַך אויסגעקומען צו גײן אין שול אַרײַן באָרוועס

די קינדער האָבן געהאַט גרויס צאַר. ניט זאָגנדיק קײַן האַלבן וואָרט, האָבן זיי אויסגעלייגט די טופּליעס אין אַ שורע לעבן דער פּליטע, אַז זיי זאָלן זיך טריקענען. ס'איז זיי געווען אזא כאַרפּע, וואָס זיי האָבן צעוויקט זייערע אײנציקע טופּליעס, אַז ווי נאָר דער אָנבײַסן האָט זיך געענדיקט, האָבן זיי זיך גלײַך גענומען העלפן דער מאַמען אין שטוב.

ריטאַ האָט צעוואַשן דאָס געפעס און עס אויסגעשטעלט אין שאַפע, און ראָמאַן האָט אויסגעקערט די טרעפּ און אָנגעריבן דעם דיל מיט באַנאַן־בלעטער. ער האָט ליב געהאָט אָנרײַבן דעם דיל, ווײַל ס'איז זייער פריילעך געווען אונטערצולייגן אונטער די פיס די זאַפטיקע באַנאַן־בלעטער און גליטשן זיך איבער זיי.

אָנגעריבן דעם דיל, איז ראָמאַן אוועק צום טײַך און אָנגעטראָגן וואַסער אין די באַמבוק־עמער.

אַז זיי האָבן שוין די אַרבעט געענדיקט, האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ רעגן. און אַף מאָרגן האָט אויך אַ גאַנצן טאָג געגאָסן. דערפאַר אָבער מאָנטיק פרי, אַז פעליקס האָט

אויפֿגעעפֿנט די טיר און אַרויסגעקוקט אין דרויסן, האָט שײַן די קײַלעכדיקע רויטע זון געשמייכלט פֿון הינטער דעם באַרג־קאַם, װעלכער האָט זיך געצויגן פֿאַזע דעם מיזרעכדיקן ברעג. די ערשטע װאַרעמע זונשטראַלן האָבן באַגאָסן מיט אַ ראָזער שײַן די שפּיצן פֿון די קאָקאָס־פּאַלמעס און פֿונעם באַמבוק. יעדעס בלעטעלע האָט העל געבלישטשעט, אויסגעצװאָגן פֿון רעגן, און זיך לײַכט באַװעגט פֿונעם װינטל. דאָס רײַז־פֿעלד איז אינגאַנצן געװען פֿאַרגאָסן מיט װאַסער.

— אַ גוטער טאָג הײַנט אויף פֿאַרזעצן רײַז, — האָט פֿעליקס געזאָגט. — װי גוט איז עס, װאָס איך האָב באַצײַטנס אויפֿגעאַקערט דאָס פֿעלד.

און פֿריִער נאָך, אײדער ער האָט אפֿילו אָנגעהויבן האָדעװען די כאַזיירים און מעלקן די ציג, איז ער אַװעק צו די בייטן, װוּ ס׳זײַנען בײַ אים געװאַקסן די זריִע־פּלאַנצן פֿונעם רײַז. ער איז געגאַן אַ קוק טון, צי די זריִע־פּלאַנצן זײַנען שוין פֿאַרטיק אויף צו פֿאַרזעצן.

אַז פֿעליקס האָט זיך אומגעקערט, האָט ער צו פֿעטרען געזאָגט:

— װעק אויף די קינדער, און מיר װעלן זיך אַלע אַװעק־לאָזן אויפֿן רײַז־פֿעלד, נאָר זע, װאָס גיכער.

— די קינדער דאַרפֿן דאָך אָבער הײַנט גיין אין שול, — האָט פֿעטראַ געזאָגט.

— ס׳טוט מיר שטאַרק באַנק, װאָס זיי װעלן נישט גיין אין שול אַרײַן, — האָט פֿעליקס געענטפֿערט, — זיי דאַרפֿן אונדז אָבער העלפֿן פֿאַרזעצן דעם רײַז. די זריִע־פּלאַנצן זײַנען שוין פֿאַרטיק, און מע מוז זיי פֿאַרזעצן אַלע מיט־

אַמאָל; איך מיט דיר וועלן אַליין זיך מיט דעם נישט אײַנפּאָרען.

די קינדער האָבן דערהערט זייער שמועס און זיי זײַנען גלײַך אופגעשפּרונגען פון אָרט. זיי האָבן ליב געהאַט די שול; נישט ווייניקער אָבער האָבן זיי ליב געהאַט אויך דאָס רײַז־פּאַרזעצן, ווײַל זיי פלעגן דערבײַ אַ גאַנצן טאָג אַרומפּאָלוסקן זיך אין וואַסער. און זיי איז דאָס שוין שטאַרק געפעלן געוואָרן, פונקט ווי דעם אַלטן קורצעק.

פעליקס איז אַוועק אַראָפּנעמען פון די זריִע־בייטן די פלאַנצן; ער האָט אַרומגעשוירן די שפּיצן פון די פלאַנצן און צוגעטוליעט די ערד צו די וואָרצעלעך, אַז זי זאָל זיך נישט אָפּשיטן בעיסן טראָגן אין פעלד. די קינדער האָבן דערווײַל געהאָלפן דער מאַמען. און באַלד איז די גאַנצע מישפּאָכע גרייט געווען צו לאָזן זיך אַף דער אַרבעט.

זיי זײַנען צוגעגאַנגען ביז צו דער ראַזאָרע און זיך געלאָזט מיט דער ראַזאָרע ביז צום סאַמע עק פונעם רײַז־פעלד. דידאָזיקע ראַזאָרע איז געווען נישט קײַן טיפער גראָבן, וואָס האָט אָפּגעטיילט זייער ערד פון דער שלייִנישער. זי האָט געדינט נישט נאָר פאַר אַ מעכיצע, נאָר אויך פאַר אַ וואַסער־זאַמלער. די גראָבנס זײַנען שטענדיק געווען פול מיט וואַסער. זיי האָבן דורכגעשניטן די גאַנצע ערד אונטער גראָדע ווינקלען און געמאַכט זי ענלעך צו אַ גרויסן שאַכמאַט־טאָוול.

פעליקס האָט אַוועקגעשטעלט זײַן קויש לעבן דער ראַזאָרע און געגעבן די קינדער און פעטרען צו הויפּן זריִע־פלאַנצן. זיי האָבן זיך אַלע אונטערגעהויבן די הויזן און קליידלעך און אַרײַן ביז די קני אין וואַסער. אַלע מיט־

אמאָל האָבן זײ אַרײַנגעשטעקט די פלאַנץ־װאָרצלען אין שלאָם, אזוי אז איבערן װאסער האָבן זיך קאָם אַרויס־געזעען די בלעטעלעך פון די פלאַנצן.

זײער מישפּאָכע איז פריִער פון אַלעמען אַרויס אַף דער אַרבעט. אינגיכן אָבער האָבן זיך אויך אַף די שײנישע פעלדער באַװיזן אַרבעטנדיקע. ס׳איז אװעק אַ געלעכטער און אַ פּלוידער. אַלע זײַנען זײ צו דערזעלבער צײַט גע־שטאַנען אײַנגעבױגן איבער זײער אַרבעט און דערבײַ גע־שפּאַסט און געלאַכט.

די זון האָט זיך אופגעהויבן אַלץ העכער און העכער. מאָסקיטן*) זײַנען אומגעפלויגן איבער זײ, און פון די פאַר־טרונקענע פעלדער האָט זיך געהויבן אַ דאַמף אין קלײנע װאָלקנדלעך. די אַרבעט איז געװען אַ שװערע, און דאָך האָט מיט אַ װײַלע שפּעטער עמעצער פאַרצויגן אַ לידל. אַנדערע קולעס האָבן אונטערגעכאַפּט, און באַלד האָבן זיך אַלע געבױגן און געהויבן זיך, געבױגן און געהויבן זיך אין טאַקט פון דער ליד. און בײַ יעדן מאָל אָנבײגן זיך האָבן זײ פאַרזעצט אײן צװײַגל רײַז־פלאַנץ און שטאַרק צוגע־פּעסטיקט זײַנע װאָרצלען צו דער פאַרטרונקענער ערד.

די קינדער האָבן באַגלײַך מיט אַלע פלײַסיק געאַרבעט, קימאַט ביז האַלבן טאָג. דערנאָך זײַנען אַלע אװעק אַהײם איבערבײַסן און זיך אָדורכשלאָפן.

צװײ שאָ זײַנען די רײַז־פעלדער געשטאַנען לײדיק. אז די זון האָט גענומען בײגן זיך צו מײַרעװ און די היץ איז געװאָרן אַביסעלע קלענער, האָבן זיך אַלע װידעראַמאָל געקערט אין פעלד און געאַרבעט שוין ביז זון־אונטערגאַנג.

*) קלײנע אינזעקטן, װאָס בײַסן זיך װי אונדזערע קאָמערן.

פֿאַרנאַכט־צו איז פּעטראַ אַוועק פֿון פֿעלד פֿריִער פֿון אַלעמען, און אַז פֿעליקס מיטן צווילינג האָבן זיך, מידע, דערשלעפּט צו זייער הויף, האָט פּעטראַ אַרויסגעשטעקט איר קאָפּ פֿונעם פֿענצטער און זיך צו זיי אָפּגערופֿן:

— כ'האָב שוין אויסגעמאָלקן די ציג און אָנגעהאָדעוועט די כאַזיירים. גייט, באָדט זיך אויס אין אויסגוס און מיר וועלן דערנאָך עסן וועטשערע.

באַלד פֿאַר זייער הויז האָט זיך געשפּרייט דער זאַמדברעג. אין צוויי מינוט אַרום האָט זיך שוין פֿעליקס מיט די קינדער געשווענקט אין וואַסער. זיי האָבן זיך אַפֿילע נישט אויסגעטון. זיי האָבן געהאַט אָף זיך אַזוי ווייניק אָנטון און זיי זײַנען סײַ־ווי געווען אַזוינע נאַסע און שמוציקע, אַז ס'איז זיי גרינגער געווען אַרײַנוואַרפֿן זיך מיטן אָנטון אין וואַסער און אויסוואַשן זיך מיט דעם אָנטון אינאיינעם. און ווי גוט איז זיי איצטער געווען, נאָך דעם לאַנגן טאָג אַרבעט אָפֿן רײַז־פֿעלד, צו ליגן דאָ אינעם אויסגוס און פֿילן דעם קילן טאַם פֿונעם וואַסער.

נאָך וועטשערע האָבן זיי אַלע אינאיינעם אַראָפּגענידערט צום טײַך און זיך אויסגעזעצט אָפֿן פֿליט אָפּרוען. זיי האָבן געקוקט אָף די גלי־ווערים, וואָס האָבן ווי טויזנטער פֿײַערלעך זיך געטראָגן צווישן די ביימער, זיי האָבן באַטראַכט די וואָלקנס, וואָס זײַנען אַרומגעשווומען איבער דעם פֿינצטערן הימל און פֿאַרשטעלט די שטערן. זיי האָבן זיך אײַנגעהערט, ווי די כוואַליעס שלאָגן זיך אַזוי לײַכט אינעם ברעג, ביזוואַנען ס'האָבן נישט גענומען פֿאַלן די ערשטע טראָפּנס רעגן.

III. דינגאָ און די קליינע ברוינע הון.

אַף מאָרגן האָבן די קינדער ווידעראַמאָל געאַרבעט אַ גאַנצן טאָג אַפן רײַז־פעלד, צו פאַרנאַכט זײַנען זיי אָבער פרי געגאַנגען שלאָפן, ווײַל מאָרגן אינדערפרי האָבן זיי געדאַרפט גיין אין שול אַרײַן. די לימודים אין שול פלעגן זיך אָנהייבן האַלב אַכט דעם זייגער.

זיי האָבן שוין קימאַט אופגעעפנט די אויגן און זיך אָפגעגעגנעצט פאַרן אופכאַפּן זיך, האָבן זיי פלוצלינג דערהערט פון אונטערן הויז אַ מאָדנעם געשריי. ראַמאָן האָט דערהערט דער ערשטער, און ס׳האָט באַ אים גלײַך אָפגענומען דער שלאָף. ער האָט זיך אופגעזעצט אַפן מאַט און זיך אײַנגעהערט. דערנאָך האָט ער צונויפגעלייגט דעם מאַט און גענומען זיך אָנטון. „קלעק, קלעק, קלעק, פּיפּ, פּיפּ, פּיפּ", — האָט עמעץ אונטערן הויז געשריגן.

ריטאַ האָט אויך דערהערט דעמדאָזיקן געשריי און זי האָט זיך אַזוי אײַליק געכאַפּט אָנטון, אַז זי האָט אַרופגעשלעפּט דאָס קליידל אַף דער לינקער זײַט. זי האָט אפילע נישט געקלערט פון איבערקערן דאָס קליידל. זי האָט זיך טייקעף אַראָפּגעלאָזט אונטערן הויז און זיך דערבײַ שיר נישט צעבוצקעט מיט ראַמאָנען.

די קינדער זײַנען געקומען אַהערצו פונקט צו דער צײַט, און זיי האָבן טאַקע געזען, ווי די קליינע ברוינע

26

הון איז אַרויסגעקראָכן פון אונטער אַ קופּע שטרוי און גע־
פירט נאָך זיך אירע אויסגעזעסענע בּרעקעלעך הינדעלעך.

— אוי, מאַמע, מאַמע! — האָט זיך ריטאַ צעשריגן. — קום נאָר גיכער אַהער!

פּעטראַ איז דעמלט געווען אין קיך. די קיך האָט זיך געפונען גלײַך איבּער זיי. דער דיל איז דאָרט געווען אויסגעלייגט פון באַמבּוק־שטאַמען. צווישן די שטאַמען זײַנען געווען שפּאַרונעס. האָט דעריבּער פּעטראַ אַצינד גלײַך דורך אַ שפּאַרונע אַ קוק געטון אַראָפּצו און זי האָט פאַרשפּאַרט לויפן איבּער די טרעפּ. זי האָט דורך די שפּאַרונעס גוט אַרומגעקוקט די פּיצינקעלעך הינדעלעך, וואָס זײַנען אומגעלאָפן ארום דער מאַמען, און די שײנע גאָלדיק־בּרוינע קוואָקע.

— וויפל הינדעלעך האָט זי? — האָט זי אַרײַנגעשריגן אין שפּאַרונע.

— זיי יאָגן זיך אזוי, אז איך קאָן נישט איבּערציילן. איך רעכן, יעדנפאַלס, אז נישט ווייניקער פון צען, — האָט ראַמאָן אָף צוריק געשריגן.

— נאָט אײַך פאַר זיי עסן! — האָט פּעטראַ זיך אָפּגערופן, און האָט דורך דער שפּאַרונע דורכגעשאָטן אַ הויפן בּרעקלעך.

די קוואָקטשע האָט צונויפגערופן די הינדעלעך און אָנגעהויבּן לערנען זיי, ווי אזוי צו עסן.

— אַי־אַי־אַי! — האָט ריטאַ מיט היספּײַלעס צענומען אירע הענטלעך. — נו, איך פרעג דיך, איז זי נישט קײַן כאַכאָמע, דאָסדאָזיקע קליינע הינדל? זי האָט זיך בּאַהאַלטן אין שטרוי, און מיר האָבּן לאַכלוטן נישט געוווּסט, אז זי האָט דאָרטן אַ נעסט.

— זי פלעגט זיך שטענדיק קומען און עסן באַגלײַך מיט די איבעריקע הינער און הינדעלעך, בעשאַס איך האָב זיי געהאָדעוועט. כּ׳האָב זי דעריבער אפילו נישט אָנגעהויבן צו כּוישעד זײַן, אַז זי זיצט אָף די אייער. אָ, אָ, זי איז שוין איינמאָל אַ כיטרע,— האָט ראָמאַן געטײַנעט.

זיי האָבן זיך גאָרנישט געקאָנט אָפּרײַסן פון די הינדעלעך, און אין שול האָבן זיי אַ גאַנצן פרימאָרגן נאָר פון זיי געטראַכט.

פינף אַזייגער זײַנען זיי מיט אַ שפרונג אַרײַנגעלאָפן אין הויף אַרײַן.

— מאַמע, מאַמע,— האָט ראָמאַן געשריגן,— ווי מיינסטו, וואָס וועט איצט זײַן, האַ? די לערערקע האָט אונדז געזאָגט, אַז ווען מע וועט פאַרענדיקן אַראָפּנעמען דעם רײַז פון די פעלדער, וועט זײַן אין שטאָט אַ גרויסער יאָנטעוו און מע וועט טיילן מאַטאָנעס פאַר די בעסטע אַרבעטן, וואָס קינדער אַליין האָבן מיט זייערע הענט הײַנטיקן זומער געמאַכט. מיר קענען האָדעווען הינדעלעך, צי פאַרזייען גרינס, אָדער טון עפּעס אַנדערש, וואָס אונדז וועט נאָר געפעלן. און אַלע אַרבעטן, וואָס מיר וועלן אָפּטון, וועלן געוויזן ווערן אָף דער אויסשטעלונג אין שול. מאַמע, איך מעג נעמען אָף זיך די ברוינע הון מיט אירע הינדעלעך, איך זאָל זיי אַליין צוזען, און נאָכדעם זאָל איך זיי געבן אָף דער אויסשטעלונג?

— און איך וועל מיר אויספּלעכטן אַ קוישל אײַנגאַנצן אַליין,— האָט זיך ריטאַ אָפּגערופן,— דו הערסט, מאַמע, איך וועל עס מאַכן פון יונגע, דינינקע באַמבוק־שטאַמעלעך, אַזוינע, ווי די, וואָס מע מאַכט פון זיי היט. איבער זײַנע

ראַנדן וועל איך אויסשטריקן שוואַרצע באַבעלעך. איך האָב אין שול דאָס אַלץ צוגעטראַכט.

די מאַמע האָט אַליין אויך געקאָנט מאַכן אַסאַך פאַר־שיידענע זאַכן. זי האָט געקאָנט אויסוועבן שיינע שטאָפן אַף דעם וועבשטול, וואָס איז געשטאַנען אין ווינקל צימער. זי האָט געקאָנט אויסנייען שיינע בלימעלעך, זי האָט גע־קאָנט פלעכטן מאַטן, קוישלעך און היט. זיך האָט אויך ריטען אויסגעלערנט אַביסעלע פלעכטן קוישלעך. אין שול האָט זיך ריטאַ באַ דער לערערן נאָך מערער אויסגעלערנט, און אַצינד האָט זי גערעכנט, אַז זי וועט קאָנען אויספלעכטן א קוישל איינגאַנצן אַליין.

— פאַרשטייט זיך, אַז דו מעגסט נעמען אַף זיך די ברוינע הון מיט אירע הינדעלעך,— האָט די מאַמע געזאָגט ראַמאָנען.— און דו, ריטאַ, וועסט אויך קענען איינגאַנצן אַליין אויספלעכטן א קוישל, דו וועסט אָבער מוזן אַביסל צוּוואַרטן ביז מיר וועלן קריגן דעם נייטיקן מאַ־טעריאַל.

— איך קען אַליין צוגרייטן דעם מאַטעריאַל,— האָט ריטאַ אויסגעשריגן.— אַז מיר גייען אין שול, איז דאָרט פאַראַן אַפן וועג פונקט אַזאַ מין באַמבוק ווי איך דאַרף. דאָרט איז פאַראַן גאָלדענער און שוואַרצער באַמבוק.

ראַמאָן האָט זיך גלייך א נעם געטון מאַכן א שטייג פאַר די הינער. ער האָט אונטערן הויז געפאַקט אַ קעסטל און געמאַכט אין איין זייט קעסטל אַ באַמבוקענע שטאַכעטן־ווענטל. קיין דעק איז אין קעסטל נישט געווען. אונטערן קעסטל האָט ראַמאָן אויסגעבעט אַף דער ערד טרוקענע שטענגלעך פון ערד־ניס. דערנאָך האָט ער זיך מיט ריטאַן

אוועקגעיאָגט כאַפּן די הון, קעדײ צו באַזעצן זי אין איר נײַער שטוב.

דער הון איז אָבער גאָרנישט געפעלן געוואָרן דער פּלאַן, אַז זי זאָל זיך באַזעצן אין שטײַג. זי האָט געמאַכט פּיס, אַנטלאָפן פון די קינדער, נאָכגערופן נאָך זיך אירע הינדעלעך און זיך באַהאַלטן אונטערן הויז, אונטער דער קופּע ברעטער. אומזיסט האָט ראַמאָן געשאָטן ברעקלעך און קערנדלעך פאַר דער הונס באַהעלטעניש, קעדײ זי צו פאַרנאַרן: זי האָט זיך נישט גערירט פון אָרט.

— איך וועל צושיקן אַהערצו דינגאָן, — האָט ראַמאָן געזאָגט. — זאָל ער זי פונדאָרטן אַרויסטרײַבן. אויב כ׳וועל זי נישט פאַרמאַכן אין שטײַג, וועט זי פאַרבלאָנדזען און פאַרלירן האַלב הינדעלעך. און איך וויל, אַז זײ זאָלן זיך אַלע בײַ מיר אויסהאָדעווען.

— אוי, אוי, לאָז נישט דינגאָן אַהערצו, — האָט זיך ריטאַ אָפּגערופן. — דו ווייסט דאָך גוט, וואָס פאַראַ שלימאַזל דערדאָזיקער דינגאָ איז. ער וועט געוויס צעשטיקן די הינדעלעך.

אַז דינגאָ האָט דערהערט זײַן נאָמען, האָט ער אויפגעשטעלט די אויערן און איז צוגעלאָפן צו ראַמאָנען. ער האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ אַף א זײַט און געדרייט מיטן עק פונקט ווי ער וואָלט פרעגן: „וואָס איז? איך וועל טון אַלץ וואָס מע באַדאַרף!“

ראַמאָן האָט זיך אָנגעבויגן און באַוויזן דעם הונט אַהינצו, אונטער דער קופּע צווײַגן.

— קריך אַרײַן אַהינצו און טרײַב זײ אַרויס, — האָט ער געזאָגט.

די ברעטער זײַנען אַזוי געווען צונויפגעלייגט, אַז אונ־
טער זיי האָט זיך געצויגן, ווי אַ טונעל, אַ דורכגאַנג פון
איין עק צום צווייטן. דאָס האָט מען בעקיוון געמאַכט, קעדיי
די ברעטער זאָלן נישט פוילן, פון ליגן אף דער פײַכטער
ערד.

ראַמאָן האָט געקלערט, אַז וויבאַלד דינגאָ וועט אַרײַנ־
קריכן פון איין עק, וועט די הון מיט די הינדעלעך געוויס
ארויסלויפן פונעם אַנדערן. דינגאָ האָט זיך צעבילט און
ער איז אַרײַנגעקראָכן אין לאָך. פונדרויסן האָט מען אַרויס־
געזעען נאָר דעם שפּיץ פון זײַן עק. פּלוצלינג האָט זיך
פון אונטער די ברעטער דערטראָגן אַ קוויטשערײַ. דינגאָ
האָט אונטערגעצויגן זײַן עק און ער האָט שנעל גענומען
שלעפּן זיך אף צוריק פון טונעל. ווען ער איז ארויסגע־
שפּרונגען, איז זײַן עק געווען אונטערגעצויגן, די אויערן
אַרונטערגעלאָזט, און דער שפּיץ נאָז איז געווען פאַרבלוּ־
טיקט. דינגאָ האָט אים געטרײַ געווישט מיט זײַנע לאַפּעס.

די הון אָבער האָט גאָרנישט אָנגעהויבן צו טראַכטן פון
אַרויסקריכן. זי איז געזעסן אונטער די ברעטער און בייז
געקוואָקעט.

— לאָז זי דאָרט בּיז אײַנדערפרי. זאָל די דאָרט איבער־
נעכטיקן, — האָט ריטאַ געזאָגט.

דאָ האָט זיי די מאַמע אַ רוף געטון עסן וועטשערע.
ראַמאָן האָט אַ שמעק געטון די לופט.

— קאַמאָטעס שמעקט, — האָט ער געזאָגט, — שוין
מיסטאָמע אויסגעגאַנגען דער רײַז. אַנישט וואָלט די מאַמע
נישט געמאַכט איצט קאַמאָטעס. אָך, וויפל איז עס נאָך גע־
בליבן בּיז צום שניט?

ריטאַ האָט צונויפגעצײלט אױף די פינגער.

— טו נאָר אַ קוק: אַצינד האָבן מיר יולי, דערנאָך גײט אױגוסט, סעפּטעמבער און אָקטאָבער. מיר האָבן נאָך יעדנ־פאַלס פיר כאַדאָשים!

ראַמאָן האָט זיך אױפגעלײגט די האַנט אױפן בױך און אָפּגעזיפצט:

— אַז ס׳װעט קומען דער שנײ, — האָט ער געזאָגט, — װעל איך גלײַך אױפעסן אַזױפיל רײַז, װיפל איך װעל נאָר װעלן. איך װעל אָפּקאָכן פאַר זיך אַלײן אַ פולן טאָפּ און אױפעסן אײנגאַנצן ביז אַ ברעקעלע.

IV. אַפן פּליט.

ווען דער ערשטער האָן האָט זיך אײַנדערפרי צעקרייט, איז ראָמאַן אופגעשטאַנען און אין דער פינצטער זיך אַראָפּ־געיאָגט פון די טרעפּ. ער האָט געוואָלט אופשטיין פריִער פאַר דער הון מיט די הינדעלעך, קעדיי זיי זאָלן נישט באַוויַיזן צו אַנטלויפן.

ער האָט פאַרשטעקט מיט שטרוי איין בּרעג טונעל און זיך אוועקגעזעצט איינעם מיט דינגאָן בּאַ דעם ווייט בּרעג. אָט האָט די הון אָנגעהויבּן צו־קוואָקען. האָט דע־מאָלט ראָמאַן גענומען דאָס שטיַגל און שטילנקערהייט צוגעקראָכן צום בּרעג טונעל. ווי נאָר די הון האָט בּאַוויז אַרויסצוגיין, האָט שוין ראָמאַן אַף איר אַראָפּגעלאָזט דאָס שטיַגל. די הון איז געווען אין פּאַסטקע.

זי איז שרעקלעך בּייז געוואָרן. זי האָט אופגעקודלעט די פעדערן אַף איר האַלדז, געשריגן און אומבּאַדינגט גע־וואָלט א פּיק טון ראָמאַנען. איינמאָל איז איר שוין אַף אַן עמעס געלונגען א פּיק צו טון אים אין גרויסן פינגער. ראָמאַן האָט אַריַינגעכאַפּט דעם פינגער אין מויל און אָנגע־הויבּן צו טאַנצן פון ווייטיק.

ראָמאַן האָט פאַמעלעך געשלעפּט דעם קאַסטן איבּער דער ערד. דאָס קליינע הינדל איז געגאַנגען אינעווייניק אין קאַסטן, וויַל זי האָט נישט געוואָלט כאַפּן קיַין קלאַפּ. זי

האָט פֿאַרצווייפֿלט געקוואָקעט און גערופֿן נאָך זיך די הינ־דעלעך. ראַמאָן האָט אַוועקגעשטעלט דעם קאַסטן אַפֿן הויף, אַפֿן גרינעם גראָז, אונטערגעשטעלט אונטערן קאַסטן אַ שאָל מיט וואַסער און אָנגעשאָטן רײַז־בּרעקלעך.

אינדערפֿרי, בּאַם אָנבּײַסן, האָט זיך ריטאַ אָפּגערופֿן:

— מאַמע! איך טראַכט אַלץ פֿון מײַן קוישל. איך האָבּ בּאַשלאָסן, אַז איך וועל פֿאַר אים קײַן שום מאַטעריאַל נישט קויפֿן. כ׳וועל אַלץ אַליין אָנקלײַבּן.

— ס׳וועט דאָך אָבּער אַוועקגיין אַ גרויסע צײַט, אײדער דו וועסט צונויפֿנעמען און צוגרייטן דעם מאַטעריאַל, — האָט פּעטראַ געזאָגט.

— איך ווייס, — האָט ריטאַ געענטפֿערט, — די אויס־שטעלונג וועט דאָך אָבּער אויך זײַן ערשט נאָכן שניט, און בּיז צו יענער צײַט איז נאָך ווײַט.

— שרעקלעך ווײַט, — האָט ראַמאָן אָפּגעזיפֿצט (זײַן כּיילעק רײַז איז בּאַם אָנבּײַסן געווען זייער אַ קליי־נער).

— און כּוצדעם, — האָט ריטאַ ווײַטער גערעדט, — וועל איך פֿלײַסיק אַרבּעטן, און אַז איך וועל אַלץ מאַכן אַליין, וועט דאָס קוישל זײַן אינגאַנצן מײַנס. דאָס קוישל וועט זײַן אַסאַך מערער מײַנס, אײדער די הינדעלעך — ראַמאָנס. ער האָט דאָך אַפּילע די קוואָקטשע אַף די אייער נישט געזעצט! די הון האָט זיך אַליין געזעצט.

— בּלאָטע! — האָט זיך אָפּגערופֿן ראַמאָן, — די הינדע־לעך זײַנען דאָך אַלקאָלפּאָנים לעבּעדיקע, און לעבּעדיקע זאַכן זײַנען אַ קאַפּעלע בּעסער, אײדער דאָרטן וויס איך וואָס פֿאַר אַ קוישל.

ס'האָט שוין געהאַלטן באַ אַ קריג, האָט זיך אָבער די מוטער אַרײַנגעמישט:

— נו, נו, שטילער אַביסעלע! איר ווייסט דאָך, אַז דערווײַל איז נאָך קײַן קוישל אַף דער וועלט נישטאָ.

— עס וועט אָבער זײַן! — האָט ריטאַ פעסט געזאָגט. — איר וועט זען!

— בלאָטע, — האָט ווידעראַמאָל געזאָגט ראָמאַן, — אויב אַפילע דו וועסט שוין אָנהייבן פלעכטן דאָס קוישל, וועסטו עס סײַ ווי קיינמאָל נישט ענדיקן.

ריטאַ האָט אָפּגעשוויגן; זי האָט נאָר אַ קוק געטאָן אַף ראַמאָנען. פאַר זיך האָט זי שוין פעסט באַשלאָסן, אַז וואָס ס'זאָל נישט זײַן, וועט זי אומבאַדינגט פאַרענדיקן איר קוישל.

זי האָט זיך באַלד אַוועקגעלאָזט זוכן די באַמבוק־שטענגלעך. נאָך פאַרן גיין אין שול האָט זי אויסגעזוכט זעקס לאַנגע, צאַרטע, גרינע שטענגלעך און זי האָט זיי אַוועקגעלייגט אונטערן הויז אָפּן שאָטן, אַז זיי זאָלן זיך טריקענען. יעדן טאָג, ווען זי איז געגאַנגען אין שול און אַף צוריק, האָט זי געזוכט באַמבוק, און אינגיכן האָט זיך באַ איר אָנגעקליבן אַ גאַר נישקאָשעדיק בינטל. האָט זי זיך דעמלט, אין איינעם אַ שאַבעס, אַ נעם געטון צו דער אַרבעט. זי האָט מיט אַ מעסערל פאַנאַנדערגענומען די שטענגלעך אַף שמאָלע, דינע פאַסן. זיי זײַנען נאָך אָבער אָלץ נישט פאַרטיק געווען צום פלעכטן. מע האָט זיי נאָך באַדאַרפט אויסגלעטן, אַרומשאָבן, איבערקאָכן און אָפּווײַסן.

ראָמאָן האָט אַלע טאָג געקוקט אַף איר געדולדיקער אַרבעט, און קעדיי זיך צו רייצן מיט איר, פלעג ער איר דערציילן, ווי שנעל סע וואַקסן זײַנע הינדעלעך.

ענדלעך, איז דער מאַטעריאַל געווען גרייט, און ריטאַ האָט אָנגעהויבן פלעכטן איר קוישל. אירע געשיקטע, גע־דולדיקע פינגער האָבן צונויפגעפלאָכטן שמאָלע פּאַסן, אַזוי־ווי פּאַדעס. און כאָטש פּאַמעלעך — דאָך איז דאָס קוישל געוואַקסן מיט יעדן טאָג.

איינמאָל אינדערפרי, נאָך פאַרן אַוועקגיין אין שול, ווען ריטאַ האָט פלייסיק געאַרבעט, האָט זיך פעליקס אומ־געקערט פונעם רייַז־פעלד און געזאָגט:

— דער רייַז וואַקסט גוט, און איך קאָן איצט אָפּרייַסן אַביסעלע צייַט פון מייַן אַרבעט אױפן פערמע קעדיי צו אַרויספאָרן כאַפּן פיש. אַלע שאַבעס פאָרט דאָך איצט דורך פאַזע דעם ברעג דאָס שיפל „ראָזיטאַ" און קויפט צונויף אויסטערן, קרעווועטקעס און פיש פאַר דעם מאַנילער [1] מאַרק. אונדזער פאַנג וועלן מיר קאָנען פאַרקויפן דאָ אױפן אָרט און מיר וועלן פאַרשפּאָרן פירן אין שטאָט אַרייַן.

— איך האָף, אַז ס'וועט דיר אָפּגליקן, — האָט פעטראַ געזאָגט מיט אַ זיפץ. — מיר דאַרפן דאָך אַזוי האָבן געלט. די קינדערשע טופּליעס זייַנען שוין אינגאַנצן אָפּגענוצט.

— איך ווייס עס, — האָט פעליקס געענטפערט, — מיר האָבן אָבער פריִער נישט געקאָנט איבערלאָזן די אַרבעט אין פעלד. איך וועל הייַנט צוגרייטן דעם פליט און אינאָוונט וועלן מיר אַרויספאָרן נאָך קראַבן און פיש.

— מיר מעגן אויכעט פאָרן? מיר קענען אויך פאָרן? — האָבן די קינדער געפרעגט.

די מאַמע האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

[1] מאַנילאַ — די הויפּטשטאָט פון די פיליפּינער אינזלען.

— איר זעט אויס איצט ווי דינגאָ, בעייס ער ווייל, אַז איר זאָלט פֿאַר אים וואַרפֿן שטעקלעך אין וואַסער, — האָט זי געזאָגט, — ער הייבט דעמלט אויף די אויערן און קוקט אָף אייך מיט בלישטשענדיקע אויגן און מיט אַ צעעפֿנטן מויל. אָט פּונקט אַזוי, ווי איר קוקט איצט אָפֿן טאַטן.

— יאָ, איר מעגט פֿאָרן, — האָט פֿעליקס געשמייכלט.

— און מיר וועלן פֿאַרבלייבן אַ גאַנצע נאַכט אָפֿן פּליט? — האָבן די קינדער אויסגעשריגן.

דער פֿאָטער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— איר זאָלט זיך נאָר נישט פֿאַרהאַלטן אין שול נאָך די לימודים, — האָט ער געזאָגט.

אַז די קינדער זיינען געקומען צו לויפֿן פֿון שול, האָט שוין פֿעליקס געגרייט דעם פּליט. אָף דעם פֿאָדערטייל פֿון פּליט האָבן אַרויסגעשטעקט אינדערהייך צווי באַמבוק־דרענגלעך. צו דידאָזיקע דרענגלעך האָט פֿעליקס צוגעפֿעסטיקט אַ גרויסע נעץ, וועלכע מע האָט אָף אַ בלאָק געקאָנט אופֿהייבן און אַראָפּלאָזן.

— גייט, — מאַכט פֿעליקס, — העלפֿט דער מאַמען אַראָפּטראָגן די זאַכן, וואָס מיר דאַרפֿן מיט זיך נעמען.

פּעטראַ האָט שוין אַרייַנגעפּאַקט דאָס עסן אין אַ קוישל. ווען די קינדער זיינען אַרייַנגעלאָפֿן, איז זי עפּעס געשטאַנען אַ פֿאַרזאָרגטע און געציילט אָף די פֿינגער.

— דאָס אייוועלע, האָבן מיר איינס, — האָט זי געזאָגט און זיך צוגערירט בעייס־מייַסע צום קליינעם קעסטעלע, אָנגעשאָטן מיט ערד, — אַביסל רייַז — איז צווי. די סקאָוואָראָדע — דרייַ, האָלץ — פֿיר, זאַלץ — פֿינף. קינדערלעך מייַנע! דאָרט ליגן געוויס אַסאַך מער זאַכן, נאָר כ׳קאָן

שוין איצט נישט פֿאַרגעדענקען אַלץ, וואָס איך האָב אײַנגעפּאַקט.

— דער טאַטע וואַרט, — האָט ריטאַ צוגעײַלט.

— כ׳ווייס, כ׳ווייס, — האָט די מאַמע געענטפֿערט. — איך גיי!

זי האָט אײַליק אופֿגעהויבן דעם קויש און זיך אַוועקגעלאָזט צום פּליט.

ריטאַ האָט געטראָגן די סקאָוואָראָדע, און ראַמאָן — דאָס אייוועלע. אין עטלעכע מינוט אַרום זײַנען אַלע געווען בײַם פּליט. דינגאָ איז אַהינצו אָנגעקומען נאָך פֿריִער פֿאַר זיי און ער האָט מיט אַ פֿריילעכן בילן געיאָגט איבערן ברעג. ער האָט אַפֿילע קײַן רעגע נישט געצווייפֿלט, אַז ער פֿאָרט אויך.

— דינגאָן נעמען אַפֿן פּליט — דאָס וועט זײַן שרעקלעך נישט באַקוועם, — האָט זיך פּעטראַ אָפּגערופֿן. דינגאָ איז שוין אָבער געווען אַפֿן פּליט.

ראַמאָן האָט אים געפּרוווט אַראָפּשטופּן, דינגאָ האָט זיך אָבער נישט געלאָזט.

— נו, זאָל זײַן אַן עק! — האָט פֿעליקס געזאָגט, — מיר פֿאַרלירן דערווײַל צײַט. זאָל ער בלײַבן דאָ. לייגט אַרויף די איבעריקע זאַכן, און איך וועל זיך אָפּשטויסן פֿון ברעג.

פּעטראַ מיט די קינדער האָבן אַרופֿגעטראָגן דאָס אייוועלע, דאָס קוישל און די האָלץ און זיך אַליין אויך אַנידערגעזעצט אַפֿן פּליט. פֿעליקס האָט שוין געהאַט אָבגעהויבן אָפּשטופּן זיך פֿון ברעג מיט זײַן לאַנגן שטעקן — האָט אָבער פּעטראַ פּלוצלינג פֿאַרבראָכן מיט די הענט און זיך צעשריגן:

— וואַרט נאָר אַ ווײַלע! ווו זײַנען דאָס די שוועבעלעך? — זי האָט אומרויִק געזוכט אין קוישל. — ווײ, ווײ, זײ זײַנען דאָך פֿאַרבליבן אינדערהײם! — האָט זי אויסגעשריגן.

דער פּליט איז שוין אַביסל אָפּגעגאַנגען פֿון ברעג. ראַמאָן האָט זיך אָבער צעיאָגט און אַראָפּגעשפּרונגען. ער איז געגאַנגען באָרוועס, און כ׳האָט דעריבער נישט אויסגעמאַכט, וואָס ער איז באַם ברעג ביז די קני אַרײַנגעקראָכן אין שלאַם. ער איז אַרויס אויפֿן ברעג און זיך אַוועקגעיאָגט אַהײם. אַרײַנגעפֿלויגן אין קיך אַרײַן, אַ כאַפּ געטון די שוועבעלעך, מיט איין שפּרונג די טרעפּ אַרונטערגעלאָפֿן, איבערגעשפּרונגען איבער דער הינער־שטײַג, וואָס איז באַם טיר געשטאַנען, און זיך אַוועקגעיאָגט צוריק צום פּליט.

די הון איז דעמלט געזעסן אין שטײַג. זי האָט אָנגעהויבן שרעקלעך צו קוואָקען. די געפּאַקטע הינדעלעך, וואָס זײַנען אומגעלאָפֿן אַרום דער שטײַג, האָבן זיך צעשפּרייט אין אַלע עקן, בעת ראַמאָן איז פֿאַרבײַ זײ אַדורכגעפֿלויגן.

— מע וואָלט דאַרפֿן אָנהאָדעווען די הון און אַוועקשטעלן די שטײַג אונטערן הויז, טאָמער וועט זײַן אַ רעגן, — האָט ראַמאָן אַ קלער געטון. — מײלע, ס׳וועט איר גאָר נישט ניט זײַן, אויב זי וועט אײנמאָל אַ הונגער טון און כאַפּן אַ נעץ.

ער איז אַרופֿגעשפּרונגען אויפֿן פּליט און דערלאַנגט דער מאַמען דאָס קעסטעלע שוועבעלעך. פּעליקס האָט אָפּגעשטופּט דעם פּליט פֿון ברעג, און זײ זײַנען אַוועקגעפֿאָרן אַראָפּ וואַסער.

דערנאָך האָט פעליקס אַראָפּגעלאָזט די פיש־נעץ. ער האָט זי אַראָפּגעלאָזט אין וואַסער און אופגעהויבן דריי מאָל נאָכאַנאַנד און דערבײַ קיין איין פישל נישט געכאַפּט. יעדעס מאָל, ווען די נעץ האָט זיך א לײדיקע אופגע־הויבן אינדערהײך, פלעג ער א שטופּ טון דעם פּליט אף אַן אַנדער אָרט און דאָרט ווידעראַמאָל געפּרוּווט אַראָפּ־לאָזן די נעץ. פּעטראַ איז געזעסן בײַ דעם פיש־קויש. זי איז געווען גרייט צו העלפן אַרויסנעמען די פיש פון נעץ און סאָרטירן זיי, און ראַמאָן מיט ריטען זײַנען געלעגן בײַם ברעג פּליט אף די בײַכלעך און געקוקט אין טונקעלן וואַסער אַרײַן. זיי האָבן געזען די וואָלקנס, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אף דער גלאַטער וואַסער־פלאַך, און זייערע אייגענע פּנימלעך. וואָס האָבן פון וואַסער אַרויסגעקוקט אף זיי. קיין פיש איז אָבער נישט געווען.

ס'איז שוין געוואָרן שפּעט, און זיי האָבן נאָך אַלץ גאָר־נישט ניט געכאַפּט. ס'איז אפילו נישט געווען מיט וואָס צו קאָכן וועטשערע. פעליקס האָט אָנגעהויבן ווערן אומ־געדולדיק, ראַמאָנען און ריטען איז שוין נימעס געוואָרן צו זיצן אַזוי שטיל, בײַ די נגאָן זײַנען די אויערן אַראָפּ־געהאַנגען, און אפילו פּעטראַ איז געזעסן אַן אומעטיקע. די זון האָט זיך באַהאַלטן אונטער די באַטאַנער בערג־לעך, וואָס געפינען זיך הינטערן אויסגוס, און ס'האָט זיך גיך אָנגערוקט די טראָפּישע נאַכט.

אַז ס'איז געוואָרן פינצטער, איז פּעטראַ אַוועק אף דעם הינטערשטן טייל פון פּליט. זי האָט אַוועקגעלייגט די שטיינער אפן קליינעם אייוועלע און זיך גענומען צעבלאָזן א פײַער.

— מיר װעלן מוזן מאַכן רײַז אַף װעטשערע, — האָט פּעטראַ געזאָגט, — דאָס װעט אָבער זײַן װײניק. איך בין זיכער געװען, אַז מיר װעלן קענען אָפּקאָכן פֿיש, דו װאָלסט בעסער אָנגעצונדן די לאַמטערנס, קאַלזמאַן ס׳איז נאָך נישט געװאָרן אינגאַנצן פֿינצטער, — האָט זי זיך אָפּגערופֿן צום מאַן און דערלאַנגט אים די שװעבעלעך.

פעליקס האָט גענומען מיט זיך פֿינף באַמבוק-לאַמטערנס. אײנעם האָט ער צוגעפֿעסטיקט צו דעם באַמבוק-שטאַנג, אַף װעלכן ס׳איז געװען אָנגעבונדן די נעץ, און די איבע־ריקע פֿיר האָט ער צעשטעלט אַף די ברעגן פּליט. באַלד האָט זיך בײַ פּעטראַן פֿרײלעך צעקנאַקט דאָס פֿײַער, און די לאַנגע ליכט-סטענגעס פֿון די לאַמטערנס האָבן גע־טאַנצט איבערן װאַסער. אין דער װײַט האָבן זיך געזען די לאַמטערנס פֿון אַנדערע פֿישער-פּליטן, װאָס זײערע פֿײַערלעך האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין װאַסער. פֿונדערהײך האָט זיך געשפּרײט דער טונקעלער הימל.

— ס׳זעט אױס, װי די שטערן װאָלטן אַראָפּגעפֿאַלן פֿונעם הימל און זײ שװימען איבערן יאַם, נישט עמעס? — האָט ריטאַ געזאָגט, קוקנדיק אַפֿן טונקעלן הימל און אַפֿן װאַסער, װאָס האָט געבלישטשעט מיט פֿײַערן.

פּונקט צו דערדאָזיקער צײַט האָט פעליקס װידעראַמאָל אַרױסגעשלעפּט די נעץ, און אינעװײניק זײַנען געװען צען קראַבן. װאָס פֿאַר אַ סימכע איז עס אַף זײ געװען! די קראַבן זײַנען אומגעקראָכן און זיך געדראַפּעט אין קױש אײנער אַף דעם אַנדערן, װי גרױסע שפּינען. פעליקס האָט װידעראַמאָל אַראָפּגעלאָזט די נעץ. איצטיקס מאָל האָבן זיך געפֿאַקט נאָך מער קראַבן.

— פונקט ווי באַבעלעך ציִען זיי זיך צו דער שײַן, — האָט פעליקס געזאָגט.

און יעדעס מאָל, אַז ער האָט אַרויסגעצויגן די נעץ, איז אינעווייניק געווען קראַבן אָדער פיש. די קראַבן האָט ער געלייגט אין איין קויש, און די פיש — אין אַ צווייטן, און ווידעראַמאָל, און אָבעראַמאָל גיך אַראָפּגעלאָזט די נעץ. דינגאָ איז געזעסן באַם קויש און געקוקט אַף די קראַבן.

— אויב מיר וועלן ווײַטער אויך האָבן אַזאַ גוטן פאַנג, וועלן מיר שוין האָבן וואָס צו פאַרקויפן דעם באַלעבאָס פון „ראָזיטאַ“, — האָט פעליקס געזאָגט מיט פרייד, אויסלייזדיקנדיק די נעץ.

צום אומגליק, איז דינגאָ אין דערדאָזיקער רעגע געזעסן שטאַרק נאָענט צו איינעם פון די קוישן. איין קראַב איז איבערגעקראָכן איבערן ראַנד פון קויש און זיך אַראָפּגעוואַלגערט גלײַך אַף דינגאָס עק. אין אַ רעגע אַרום האָט שוין דינגאָ זיך געיאָגט איבערן פליט אַרום און אַרום, ווי אַ מעשוגענער. דער קראַב האָט זיך אים אײַנגעגעסן אין עק. וואָס שנעלער דינגאָ איז געלאָפן, אַלץ שטאַרקער האָט דער קראַב פאַרקלעמט זײַן עק. דינגאָ איז אַריבערגעשפרונגען איבער די פיש־קוישן, איבערן אייוועלע, איבערגעקערט די סקאָוואָראָדע און לעסאָף גענומען דרייען זיך ווי אַ דריידל אַרום זיך אַליין, קעדיי צו כאַפּן דעם אייגענעם עק; ער האָט דאָס אָבער בעשומוים נישט געקאָנט אויפטון.

אַלע האָבן געקוקט אַף דינגאָן און זיך געקאַטשעט פון געלעכטער. ענדלעך, האָט אים ראַמאָן געפּאַקט און פעסט צוגעהאַלטן, ביז פעליקס האָט נישט אַראָפּגענומען דעם קראַב.

דינגאָ איז געווען אַזוי איבערגעשראָקן, אַז ער איז אַנטלאָפֿן אין דעם ווײַטסטן ווינקעלע פֿון פֿליט און זיך דאָרט אַנידערגעלייגט.

ווען אַלע האָבן זיך אײַנגעאָנצן באַרויִקט, האָט פּעטראַ געמאַכט געבראָטענע פֿיש. באַלד האָט פּעטראַ מיט די קינדער זיך געזעצט וועטשערע עסן. פֿעליקס האָט אָבער נישט געקענט איבערלאָזן די נעצן אַפּילע צוליבן עסן, און נאָר צווישן אַראָפּלאָזן און אויפֿהייבן די נעץ פֿלעג ער עפּעס אַפּדערגיך אַ כאַפּ טון אין מויל.

זיי זײַנען אַלע געווען אַזוי פֿאַרטון אין דער אַרבעט, אַז קיינער האָט נישט באַמערקט, ווי דער פֿליט האָט זיך שטיל אַוועקגעלאָזט אַראָפּ וואַסער און איז אַרויסגעשווומען אין אויסגוס. יעדער בײַע אָפּפֿלוס־כוואַליע האָט אים פֿאַרטראָגן אַלץ ווײַטער און ווײַטער פֿון די ברעגן.

V. דער טײַפון.

אין דער געדיכטער נאַכט־פינצטערניש האָט דער פליט אויסגעזעען, ווי אַ קליין אינזעלע פון בלייכן ליכט. אַז זיי האָבן געקוקט אַפן אויסגוס, האָבן זייערע אויגן גאָרנישט ניט געזעען, אַחוץ די פײַערלעך פון אַנדערע פישער־שיפן און זייער אָפשפיגלונג אין טונקעלן וואַסער. די לעוואָנע איז נישט געווען, און די שטערן זײַנען באַהאַלטן געווען הינטער די וואָלקנס.

ענדלעך, האָט פעליקס פאַרשטאַנען, אַז זיי זײַנען אַרויסגעשווומען פון טײַך. ער האָט זיך אַ וויש געטון מיט דער האַנט די אויגן און גענומען זיך אײַנקוקן אינעם כוי־שעך—זען, ווו געפינען זיי זיך.

— כ׳ילעבן, כ׳הייב נישט אָן צו וויסן, ווו מיר זײַנען, — האָט ער געזאָגט.—די פיש אָבער ציִען זיך נאָך גוט. זיי ציִען זיך צו דער שײַן.

ער האָט קאָם דאָס געענדיקט אויסריידן, און אַ פלוץ־לינגער ווינט האָט אַ זעץ געטון אין דער אופגעהויבענער נעץ און זי אַזוי פאַרטראָגן, אַז פעליקס האָט זי בע־שומויפן נישט געקאָנט דערלאַנגען, ביז די נעץ האָט זיך אַליין נישט אַראָפּגעלאָזט בעיס דער ווינט איז שטיל גע־וואָרן. פעליקס האָט ווידעראַמאָל אַראָפּגעלאָזט די נעץ אין וואַסער. דערנאָך האָט ער אײַנגענעצט זײַן פינגער און

אים אופגעהויבן, קעדיי צו דערפילן בעסער, פונוואַנען בלאָזט עס דער ווינט. דער ווינט־שטויס איז פונקט אזוי גיך פאַרשוווּנדן, ווי ער איז געקומען, און איצט האָט מען געפילט נאָר א לייַכט ווינטעלע. ער האָט געבלאָזן פון צאָפן־מייַרעוו. פריִער נאָך, איידער ס׳איז שוין צייַט געווען אופצוהייבן די נעץ, האָט זיך דורכגעטראָגן דער צווייטער ווינט־שטויס, און נאָך דעם צווייטן—דער דריטער.

— ס׳געפעלט מיר נישט דער אייסעק, — האָט פעליקס געזאָגט,—דער ווינט בלאָזט פונעם כינעזישן יאַם.

אַפילע די צווילינג־יאַטלעך האָבן געוווּסט, וואָס עס איז אַזוינס דער שרעקלעכער ווינט טייַפון, וואָס יאָגט אָן פונעם כינעזישן יאַם אף די פיליפינער אינזלען. זיי האָבן איצט געציטערט פאַר פאַכעד. אַפן יאַם האָבן זיך אופגעהויבן כוואַליעס מיט ווייַסע קאַמען. די קינדער האָבן זיך צוגעטוליעט איינער צו דעם אַנדערן און האָבן דערשראָקן שווייַגנדיק געקוקט אף פעטרען. פעטראַ איז אומגעקראָכן אף די קני און איבערגעטראָגן די קוישן אַף דער מיט פון פליט. דער פליט האָט זיך איצט ווילד געוואָרפן איבער די כוואַליעס. דער לאַמטערן האָט זיך הער און הין געוויגט אַפן באַמבוק־שטאַנג. אומזיסט האָט פעליקס געמיט זיך צוצושלעפן דעם פליט צום ברעג. אַז פעטראַ האָט איבערגעטראָגן אף א זיכער אָרט אַלץ, וואָס זי האָט נאָר געקענט, האָט זי זיך אומגעקערט צו די קינדער, זיך לעבן זיי אַוועקגעזעצט און זיי צוגעטוליעט צו זיך. פלוצלינג האָט אופגעפלאַמט אַ בליץ און ס׳האָט אַ זעץ געטון אַ מוירעדיקער דונער. דינגאַ האָט אונטערגענומען זייַן עק און איז אַרייַנגעקראָכן אין בייַדל.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ רעגן, און די קינדער מיט דער מאַמען האָבן זיך אויך פאַרקליבן אונטערן דעכל. דאָס דעכל איז אָבער געווען אַזאַ קלייניקס, אַז זיי האָבן זיך אונטער אים נאָר געקאָנט אַנידערלייגן, זיך צוטוליען איינער צום צווייטן און זיך האַלטן בײַ די דרענגלעך פון בײַדל, וואָס איז מיט אַטשערעט געווען גערעקט. בײַם שײַן פונעם בליץ האָט פעליקס אײַנגעזען, אַז אַלע זײַנע מאַטערנישן צו דערשלעפן זיך צום ברעג וועלן צו גאָרנישט ניט ברענגען. סײַ דער ווינט, סײַ די כוואַליעס האָבן געטריבן דעם פליט אַלץ ווײַטער פון ברעג. ס׳איז גיכער געווען צו גלויבן, אַז די כוואַליעס וועלן אַרויסטראָגן דעם פליט אין אָפענעם יאַם אַרײַן. נו, איז פעליקס אויך אונטערגעקראָכן אונטערן דעכל. דאָרט איז שוין אָבער פאַר אים קײַן אָרט נישט געווען. דעם עמעס זאָגנדיק, האָט דאָרט נישט געקלעקט קײַן אָרט אַפילע פאַר פעטרען מיט די קינדער. זיי האָבן געווען געפרווט אַרויסשטופן דינגאָן פון דאָרט, קעדיי צו באַפרײַען אַן אָרט פאַר פעליקסן; דינגאָ האָט זיך אָבער אַזוי אײַנגעשפאַרט, און דער פליט האָט זיך בעשאַס־מײַסע אַזוי מוירעדיק געוואָרפן הין און הער, אַז זיי האָבן שוין דינגאָן געלאָזט צורו. זיי האָבן אפילע מוירע געהאַט זיך אַ ריר צו טון.

פעליקס האָט זיך לעבן זיי אַנידערגעזעצט, אַרומגעכאַפט מיט איין האַנט די דרײַ פאָר פיס, וואָס האָבן געשטאַרצעט פון אונטערן דעכל, און מיט דער צווייטער האַנט האָט ער זיך אָנגעכאַפט אָן די באַמבוקענע דרענגלעך, אף וועלכע דאָס דעכל האָט זיך געהאַלטן.

דער רעגן האָט געגאָסן, ווי פון א טאַך. ס'איז געווען אזא מין געראַוש, אז זיי האָבן אפילע זיך נישט געקאָנט צונויפריידן איינער מיטן צווייטן. און וואָס האָבן זיי מיש־טיינס געזאָגט־געהאַט צו ריידן? זיי האָבן זייער גוט גע־וווּסט, אז ס'קען זיי יעדע מינוט אַראָפּשווענקען אין שטור־רעמדיקן יאַם אַרײַן. זיי זײַנען לאַנג אזוי געלעגן און גע־ציטערט פאַר פּאַכעד און קעלט, ווײַל זיי זײַנען שוין געווען אויסגעווייקט אף דורך און דורך, און דער ווינט האָט אף זיי געבלאָזן מיט אײַזיקער קעלט. די לאַמטערנס זײַנען פאַרלאָשן געוואָרן, דער פּליט האָט זיך אָנגעבויגן אַמאָל אף איין זײַט, אַמאָל אף דער אַנדערער, און די קוישן זײַנען אומגעפאָרן איבערן פּליט, זיך אָפּגעקלאַפּט איינע אָן די אַנדערע און אָן די דרענגלעך, וואָס האָבן אונטערגעשפּאַרט דאָס דעכל. דערנאָך האָבן זיך די קוישן איבערגעקערט, און פעליקס האָט א פאַרצווייפלטער דער־פילט, ווי זײַן אויסגעצייכנטער פאַנג גליטשט זיך פאַרבײַ אים אַראָפּ אין יאַם אַרײַן. דאָס אײַוועלע האָט זיך אויך אַראָפּגעוואַלגערט אין יאַם אַרײַן, און א נײַע כוואַליע האָט אַראָפּגעריסן אויך דעם אָטשערעטענעם דאַך פון בײַדל, און ס'זײַנען איבערגעבליבן נאָר די דרענגלעך, פאַר וועלכע זיי האָבן זיך צוגעהאַלטן.

פּלוצלינג האָט זיך א מוירעדיק גרויסע כוואַליע אופגע־הויבן איבערן פּליט און זיי אַזוי אופגעהויבן, אז זיי האָט זיך אויסגעוויזן, ווי דער פּליט וואָלט זיך אָפּגעריסן פון אונ־טער זיי. אין א רגע אַרום אָבער האָט די כוואַליע אָפּ־געפּלייצט, און אַוועקגעשלעפּט מיט זיך אין יאַם אַרײַן אַלץ, וואָס ס'איז נאָך פאַרבליבן אַפן פּליט. זיי האָבן זיך

אַלע צונויפגעשלאָג, איניינעם, און אַלעמאָל, ווען די כוואַ־
ליע האָט אָפּגעפּלייצט, האָבן זיי זיך נישט געגלויבט, אַז
זיי געפינען זיך נאָך אַלץ אָפן פּליט און זיי האַלטן זיך
פאַר די דרענגלעך. זיי האָבן געוווּסט, אַז דער באַמבוק
ברעכט זיך קיינמאָל נישט איבער; אַז די כוואַליעס קאָנען
אָבער אין יעדער מינוט צעטראָגן דעם פּליט אַף אייניציקע
קלעצער — דאָס האָבן זיי אויך אויסגעצייכנט געוווּסט.

דריי שאָ נאָכאַנאַנד האָט געבושעוועט דער מוירעדי־
קער ווינט. זיי האָבן זיך אויסגעלערנט איַנהאַלטן דעם
אָטעם, ווען אַ כוואַליע פלעגט אַף זיי אַרופּלייצן, קעדיי
זיי זאָלן זיך נישט פאַרכלינען, און נעמען ווידעראַמאָל
אָטעמען, ווען די כוואַליע פלעג אָפּפלייצן.

ענדלעך, האָט דער ווינט אָנגעהויבן שטילער ווערן,
און דער רעגן איז געוואָרן קלענער. דאָך האָבן ריזיקע
כוואַליעס נאָך אַלץ נישט אויפגעהערט צו וואַרפן דעם
פּליט. פּונקט ווי ער וואָלט געווען אַ קליין שפּענדל.

דריי שאָ קעסיידער האָבן זיך נאָך געגאָסן איבער זיי
די צעשטורעמטע כוואַליעס. און „ערשט דעמלט, ווען אַ
לאַנגער רויטער פּאַס אַפן מיזרעך האָט אָנגעזאָגט, אַז ס׳וועט
שוין באַלד טאָגן, — ערשט דעמלט האָט פעליקס געקאָנט
אויפהייבן זיַן קאָפּ און זיך אַרומקוקן אַרום זיך.

ער האָט דערזעען אַפן מיזרעך אַ לאַנגן רויטלעכן פּאַס
וויַט אַפן האָריזאָנט. דאָס איז געווען אַ געבראָכענע ליניע
פון אַ שורע בערגלעך. אין מיַרעוו־זיַט האָט פעליקס
אַפן טונקעלן הימל קאָם געקאָנט דערקענען די באַטאַנער
בערגלעך. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זיי זיַנען געשווּמען
אין סאַמע מיט פון מאַנילער אויסגוס.

פעליקס האָט פּעטרען אַ ריר געטון פאַרן פוס. אַ קופּע נאַסע בגאָדים האָט זיך אַ רודער געטון, און פּעטראָ האָט זיך אונטערגעהויבן אַפן עלנבויגן.

— די קינדער אונדזערע לעבן? — האָט פעליקס שטיל געזאָגט.

פּעטראָ האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. זי איז געווען אַזוי פאַרפּייניקט, אַז זי האָט קימאַט נישט געקאָנט ריידן.

— זיי האָבן זיך אַ גאַנצע נאַכט געהאַלטן פאַר מײַנע הענט, — האָט זי געשעפּטשעט. זי האָט זיך קאָם אופגעהויבן אַף די קני און אָנגעבויגן דעם קאָפּ צו ראַמאָנען און ריי־טען, קעדיי זיך צו איבערצײַגן, אַז זיי אָטעמען טאַקע אַף אַן עמעס.

— לאָז זיי אָפּ, — האָט זי ווײַטער געשעפּטשעט. — אָדער זיי שלאָפן, אָדער זיי ליגן אין כאַלאָשעס. — זי האָט אַ קוק געטון אַף דעם פאַרכאָרעווטן פּליט און זיך צע־וויינט.

— אויב מיר וועלן סײַ־ווי דערטרונקען ווערן, איז שוין בעסער, אַז מיר זאָלן זיי נישט וועקן. — און זי האָט זיך ווידער אָוועקגעלייגט לעבן די קינדער.

— האַלט זיך שטאַרקער פאַר די קינדער און פאַרן פּליט, — האָט פעליקס געזאָגט צו פּעטרען. — אַצינד טריי־סלט שוין נישט אַזוי שטאַרק, און איך וועל איצט אַוועק־גיין פון אײַך.

פּעטראָ האָט אים אַ כאַפּ געטון.

— לאָמיר בעסער שטאַרבן אינאיינעם, אויב ס׳איז באַ־שערט, — האָט זי געזאָגט. — אויב דו וועסט זיך אופשטעלן, וועט עס דיך גלײַך אַראָפּשלעפּן אין יאַם אַרײַן.

פעליקס האָט גאָרנישט ניט געענטפערט. ער איז געשטאַנען אָף אַלע פיר און, נישט געקוקט אָף דעם, וואָס פּעטראַ האָט זיך באַמיט מיט אַלע קויכעס אים איַינהאַלטן, איז ער צוגעקראָכן צו די באַמבוק־דרענגלעך, צו וועלכע מע פלעג צובינדן די נעץ. די דרענגלעך זיַינען נאָך אַלץ געשטאַנען. פּעטראַ האָט פאַרמאַכט די אויגן. זי האָט נישט געקאָנט צוזען, ווי איר מאַן וועט אָט־אָט אַראָפּגעשווענקט ווערן אין יאַם. פעליקס איז צוגעקראָכן צום פאָדערשטן טייל פליט. ער האָט זיך מיט ביידע הענט אָנגעכאַפּט אָן די באַמבוק־דרענגלעך, זיך סטאַרענדיק אַזוי אַרום צו שטעלן זיך אָף די פיס. ער האָט געהאָפט, אַז עפשער וועט מען זיי פון אַוועלכער ניט איז שיפל דערזען און מע וועט זיי ראַטעווען. מע האָט אָבער קיַין איינציק שיפל נישט געזען. ער האָט אַרומגעקוקט דעם פליט. ס'איז אָף אים קיַין שום זאַך נישט איבערגעבליבן, אַכוץ זיי גופע און דינגאָ. די קוישן, די נעצן, אַפילע זיַין לאַנגער שטעקן—אַלץ איז פאַרפלייצט געוואָרן.

אַ מינוט איז ער אַזוי געשטאַנען אַ פאַרצווייפלטער, אָן באַוועגונג. דערנאָך האָט ער אויסגעטון זיַין וויַיס העמדל, צוגעבונדן עס צו אַ שטריקל און אופגעהויבן עס אַרופצו איבערן בלאָק.

אויב אַוועלכע ניט איז פישער־שיפל איז אַרויס בעשאָלעם פונעם שטורעם און זי וועט זיי דערזעען, קאָנען זיי נאָך געראַטעוועט ווערן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן די שטאַנגען און גענומען אַכטונג געבן. דער גרויער באַגינען איז אַוועק, און אָף זיַין אָרט איז געקומען דער ליכטיקער פרימאָרגן. די זון האָט געבראָטן די עלנטע

קופקעלע מענטשן אפן פליט. ס'איז זיי געווען אומדער־טרעגלעך הייס, און ס'האט זיך געוואלט א טרונק.

כאטש דער יאם איז שוין איצט געווען אסאך רויקער, האט מען אבער אינערגעץ אפן האריזאנט ניט געזעען קיין איין שיפל. אינגאנצן אויסגעמאטערטע, זיינען פעטרא מיט די קינדער געלעגן איצט שטיל אן באוועגונג און געווארט אפן טויט. דינגא האט זיך אופגעהויבן, צוגעקראכן צו פעליקסן און זיך אוועקגעלייגט לעבן אים.

דאס ווייסע העמדל האט זיך אפן שטעקן שוואך גע־וויגט אין דער הייסער לופט. ס'איז אוועק א שא, צוויי, דריי... פעליקס איז געזעסן, געקוקט, געקוקט און ניט געזעען גארנישט, וואס זאל זיי קאנען העלפן. פעטרא מיט די קינדער זיינען געלעגן פארגליווערטע.

ענדלעך, האט פעליקס ווייט אין מיזרעך־זייט דערזעען א וואלקן רויך.

— דאס איז, מיסטאמע, מאנילא,— האט ער זיך א טראכט געטון.

ער האט ווידעראמאל ארומגעקוקט דעם גאנצן האריזאנט, און — שטעלט זיך פאר די סימכע! — אין מיזרעך־זייט האט זיך געהויבן צום הימל א דינינקער זייל רויך. פע־ליקס האט זיך הויך צעשריגן פאר פרייד. פעטרא האט זיך ווידעראמאל אונטערגעהויבן אפן עלנבויגן.

— קוק נאר, קוק נאר,— האט פעליקס געשריגן און באוויזן אפן זיילעכל רויך. — דאס גייט א דאמפער פון באטאאנא קיין מאנילע. דאס איז יענער דאמפער, גע־פאקט מיט פיש, וואס שניידט דורך יעדן טאג דעם אויס־גוס. ער וועט פונקט מוזן פארבייפארן פארביי אונדז. ווען

מיר קאָנען עפּעס אַזוינס אופּטון, אַז זיי זאָלן אונדז דערזען!...

ער האָט פאַרצווייפלט געצויגן פאַרן שטריקל, און דאָס העמדל אויפן שטעקן האָט זיך געוויקלט אַרויף און אַראָפּ. פּעטראַ האָט דערפילט אין זיך אַ נײַע האָפענונג מיט נײַע קויכעס. זי האָט אופגעהויבן די קינדער.

דאָס וואַסער איז איצט געווען אַזוי רויִק, אַז זיי האָבן זיך שוין דערוועגט צו אָפּקריכן אַביסעלע פונעם אָרט. זיי האָבן זיך געזעצט אויפן מיטן פליט און געהאַלטן זיך אַלץ איינער אָן דעם אַנדערן.

— זיי זײַנען נאָך אַצינד צו ווײַט, אַז זיי זאָלן אונדז קאָנען דערזען. איך וועל אָבער באַוועגן דאָס העמדל אַרויף און אַראָפּ, — האָט צו זיי דער פאָטער געשריגן. — זעצט זיך וואָס העכער, אַז זיי זאָלן אונדז בעסער דערזען.

דער דאַמפער איז צוגעגאַנגען אַלץ נעענטער און נע־ענטער. זיי האָט זיך אויסגעוויזן, ווי זיי וואָלטן שוין אויף אים קוקן גאַנצענע שאָען, און אויפן דאַמפער איז נאָך אַלץ נישט געווען צו דערקענען, אַז מע האָט זיי פון דאָרט באַמערקט. ס'איז שוין געווען אומדערטרעגלעך צו וואַרטן.

— אויב זיי וועלן אונדז נישט דערזען, קאָנען זיי נאָך אויף אונדז אַרופאָרן, — האָט דער פאָטער אויסגעשריגן, — מיר ליגן פונקט בײַ זיי אויפן מיטן וועג.

— זיי מוזן אונדז דערזען, — האָט אויסגערופן פּעטראַ און זי מיט די קינדער האָבן זיך מיט אַלע קויכעס גע־נומען מאַכן מיט די הענט, דער טאַטע האָט געשאָקלט דאָס העמדל, און דינגאָ האָט געוואָיעט.

דער דאַמפער איז צוגעפאָרן אַלץ נעענטער און נע־ענטער. דערנאָך האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אַ שנײַ־

דנדיקער פֿײַף. דאָס קלאַפּן פֿון דער מאַשין איז פּאַמע־
לעכער געוואָרן, און איבער די פּאַרענטשעס פֿון דער שיפֿ־
דעק האָבן זיך באַוויזן אַ מאַסע קעפּ. אין עטלעכע רעגעס
אַרום האָט זיך שוין דער דאַמפּער אינגאַנצן אויסגעגלײַכט
מיטן פּליט. מע האָט פֿונעם דאַמפּער אַראָפּגעלאָזט אַ
שטריק מיט אַ גרויסן שלייף באַם בריג, און מע האָט די
גאַנצע אומגליקלעכע מישפּאָכע אַזוי אַרום איינציקווײַז
איבערגעשלעפּט אָפֿן באָרט פֿונעם דאַמפּער.

ס׳איז שווער געווען צו באַשליסן, וואָס צו טון מיט
דינגאָן. טכילעס האָט זיך געדוכט, אַז מע וועט אָפֿן דאַמ־
פּער נישט אַרופֿנעמען דעם הונט. מע האָט אָבער דער־
נאָך אַראָפּגעלאָזט אַ קוישל, פּעליקס האָט דינגאָ, אַרײַנ־
געזעצט אין קוישל און צוגעבונדן אים, אַז ער זאָל נישט
קענען אַרויסשפּרינגען. און אַף אַזאַ אויפֿן האָט מען דינ־
גאָן אויך אַרופֿגענומען אָפֿן שיפֿדעק.

פּעליקס איז דער לעצטער אַוועק פֿון פּליט. און אַז ער
איז שוין אויך געשטאַנען אָפֿן דעק אינײנעם מיט זײַן גאַנ־
צער מישפּאָכע, איז זײַן האַרץ איבעו פֿולט געוואָרן מיט אַזאַ
מין פֿרייד, אַז ער האָט זיך גאָר אינגאַנצן פֿאַרגעסן פֿון
זײַן כאָרעוו־געוואָרענעם פּליט און פֿון די פֿאַרפֿאַלענע נעצן
און קוישן מיט דעם גאַנצן פֿאַנג. זיי זײַנען געשטאַנען אָפֿן
שיפֿדעק און געקוקט, ווי דער פּליט ווערט אַלץ קלענער
און קלענער, ווײַל די מאַשין פֿונעם דאַמפּער האָט זיך
איבערנײַס אַ נעם געטון צו דער אַרבעט. און דער דאַמ־
פּער איז מיט דער פֿולער שנעלקײַט אַוועק קײַן מאַנילע.

דער קאַפּיטאַן איז געווען אַ געל־הויטיק קליין מענטשל,
מיט געדיכטע שוואַרצע האָר און מיט אַ ברייטן מויל. זײַן

מויל איז נאָך ברייטער געוואָרן, בעשאַס ער האָט גע־
שמייכלט, קוקנדיק אַף דער געראַטעוועטער פאַמיליע.

— יאָ, — האָט זיך אָפּגערופן דער קאַפּיטאַן, — איך האָב אָפּט געכאַפּט פיש אינעם מאַנילער אויסגוס, נאָר קיינמאָל אין לעבן האָב איך נאָך אַזעלכע פיש נישט געכאַפּט, ווי היינט. צוליב וואָס האָט איר זיך עס אָנגעקלערט צו לאָזן זיך אַף דעמדאָזיקן פּליט אַזוי ווייט?

פעליקס האָט דערציילט, ווי אַזוי ס׳האָט אַלץ פּאַסירט.

— המ... — האָט דער קאַפּיטאַן אָנגעהויבן, — צו אייער גליק איז די שיף געלאָדן מיט פרוכט און גרינס און איך האָב מיט וואָס אייך אָנהאָדעווען.

ער האָט זיך אויסגעקערעוועט צו איינעם פון די מאַ־
טראָסן:

— ברענג זיי עפּעס אַזוינס, וואָס מע זאָל קאָנען עסן רווי־
ערהייט — האָט ער צו אים געזאָגט, — און מאַך עס אַף איין פוס

— און, ביטע, וואַסער, — האָט פּעטראַ געבעטן.

דער מאַטראָס איז אַוועק און זיך אומגעקערט אין עט־
לעכע מינוט אַרום מיט אַ קויש, געפּאַקט מיט אַנאַנאַסן, באַנאַנען און אַנדערע פרוכטן. ער האָט דאָס קוישל אַוועק־
געשטעלט אַפן שיפדעק פאַר פעליקסן, פּעטרען און זייער צווילינג. כוצדעם, האָט ער נאָך געבראַכט וואַסער אין אַ גרויסער קירבעס־פלאַש. זיי האָבן זיך אָנגעטרונקען און אָנגעגעסן, זייערע בגדים האָבן זיך אויסגעטריקנט אַף דער זון, און זיי האָבן זיך דערפילט שטאַרק מונטער. זיי זיינען געבליבן לעבן, אויסער סאַקאָנע און אַלע אינאיינעם. ס׳איז דאָ געווען אַביסעלע מיט וואָס זיך צו פרייען.

ס׳איז אָבער נאָך געבליבן זייער אַסאַך, פון וואָס זיי האָבן איצט געדאַרפט טראַכטן. זיי זײַנען געווען ווײַט פון דער היים, אָן געלט, און זיי האָבן נישט געוווּסט, ווי אַזוי באַקומט מען איצט געלט; זיי האָבן זיך נים פאָרגעשטעלט, ווי אַזוי וועלן זיי עס קומען צו זייער שטיבעלע אַפן ברעג טײַך, און וואָס וועלן זיי נאָך דאָרטן געפינען.

דער טײַפון, וואָס האָט בײַ זיי צוגענומען דעם פּליט, האָט דאָך אויך געקאָנט כאָרעוו מאַכן זייער הויז, פאַר־ניכטן דאָס רײַז־פעלד און אומברענגען די באַלעכאַים.

פעליקס האָט געטראַכט וועגן דעם רײַז־פעלד און וועגן די הונגעריקע באַלעכאַים, און ער האָט, נישט קוקנ־דיק אַף קײַן זאַך, געהאָפט, אַז דער ווינט האָט עס אַלעס פאָרט נישט כאָרעוו געמאַכט, אַזוי ווי ער האָט צעשטערט דעם פּליט. פעטראַ איז געזעסן מיט די הענט אַרומגענומען דעם קאָפּ, און געטראַכט פון דעמזעלבן, וואָס איר מאַן.

VI. נאָכן שטורעם.

דער דאַמפּער איז זיך רויִק געגאַנגען פאָרויס, און מיט אַ שאָ שפּעטער איז אים שוין אויסגעקומען צו פאַרבײַגיין פאַרבײַ אַ מאַסע שיפן, וואָס האָבן זיך אָנגעקליבן אין מאַנילער פּאָרט. ער איז לאַנגזאַם אַרײַנגעפאָרן אין דעם טײַך־אויסגוס און צוגעגאַנגען צום ברעג.

פעליקס האָט באַדאַנקט דעם קאַפּיטאַן און האָט זיך מיט זײַן מישפּאָכע און דינגאָן אַראָפּגעלאָזט איבער די טרעפּעלעך אָפן ברעג.

אָפן ברעג האָט געקאָכט די אַרבעט. מענטשן האָבן אויסגעלאָדן פיש און גרינס פונעם דאַמפּער. אַנדערע האָבן דידאָזיקע גאַנצע מאַסע געפּאַקעוועט אָף וועגענער. אין די וועגענער זײַנען געשפּאַנט געווען קאַראַבוס. ווי נאָר מע האָט אָנגעלייגט אַ פולן וואָגן, האָט מען גלײַך אַוועקגעפירט די סכוירעס אָפן מאַרק.

אַ גאַנצע ריי שיפלעך זײַנען געשטאַנען צוגעבונדן צום ברעג. פאַרשמײַעטע דאַמפּשיפלעך האָבן זיך אַרומגעדרייט הין און צוריק צווישן די גרויסע דאַמפּערס און אָנגעפילט די לופט מיט פײַפערײַ און מיטן רויך פון זייערע קוימענס.

די קינדער זײַנען נאָך ביז הײַנט קיינמאָל נישט געווען אין קײַן גרעסער אָרט פון זייער קליין שטעטל, זײַנען זיי

איצט געשטאַנען מיט אויסגעגלאָנצטע אויגן און געקוקט אַף דעם אומגעווײנלעכן לעבן פון דער גרויסער שטאָט וואָס איז פאַר זיי אינגאַנצן נײַ געווען. דאָ זײַנען געשטאַנען שיפן פון אַלע לענדער פון דער וועלט. זיי האָבן אַף די אינזלען געבראַכט צו פירן אײַזן, שטאָל און מאַשינעס. דאָ האָבן זיך געפונען ריזיקע סקלאַדן, ווּהין מע פלעג אָפּליגן אַלע סכוירעס, וואָס די דאַמפּערס האָבן געבראַכט. פון די סקלאַדן פלעג מען דידאָזיקע סכוירעס אָפּפירן אַף יענע ערטער, ווּ זיי זײַנען נייטיק געווען. דאָ זײַנען געשטאַנען דאַמפּערס, אַף וועלכע מע פלעג אין מאַנילא אָנלאָדן צוקער, טאַבאַק, האָלץ און קאָקאָס־ניס.

דאָס אַלץ איז געווען אַזוי אינטערעסאַנט און נײַ פאַר פעטרען מיט די קינדער, אַז זיי האָבן קימאַט פאַרגעסן די צאָרעס, וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט, און וואָס זיי דאַרפן נאָך ערשט איבערלעבן.

פעליקס אָבער האָט דערפון אַף אַ רעגע נישט פאַרגעסן. זיי מוזן ווי־ניט־איז זיך דערשלאָגן אַהיים און מע דאַרף דאָך עסן. ער איז נאָך פריִער געווען אין מאַנילע און ער האָט שוין די שטאָט געקענט.

— קומט נאָך מיר, — האָט ער אַ זאָג געטון צו פעטרען מיט די קינדער. — מיר שטייען דאָ אַפן מיטן וועג.

ער האָט זיי אָפּגעפירט פון ברעג צו אַ באַגראָזיקטן פּלאַץ, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט שיינע הײַזער און ס׳האָבן זיך געצויגן פון אים אין אַלע זײַטן ברייטע גאַסן. איבער דידאָזיקע גאַסן זײַנען אומגעפאָרן אַ מאַסע קאַרעטעס און אווטאָמאָבילן. פעליקס איז געבליבן שטיין לעבן אַ הויכן שטיינערנעם דענקמאָל.

— זיצט דאָ, ביז איך וועל נאָך אײַך נישט קומען, — האָט ער געזאָגט און איז ווידער אַוועק צום האָפן.

פּעטראָ מיט די קינדער זײַנען צופרידן געווען פון דעם, וואָס זיי וועלן קאָנען אָפּרוען און באַקוקן אַלץ, וואָס סע געפינט זיך אַרום זיי. זיי האָבן אָבער אַזוי לאַנג געוואַרט אַף פעליקסן, אַז ס׳איז שוין זיי אַפילע דערעסן געוואָרן צו זיצן און קוקן.

ענדלעך, האָט זיך פעליקס באַוויזן מיט אַ פּעקעלע אין די הענט. ער האָט פריילעך געשמייכלט.

— ווו האָסטו עס באַקומען, מײַן פרײַנט? — האָט פּעטראָ אויסגעשריגן, נעמענדיק דאָס פּעקעלע אין האַנט.

— איך האָב געאַרבעט אין האָפן, געהאָלפן אויסלאָדן אַ דאַמפער און פאַרדינט אַזויפיל, אַז כ׳האָב געקאָנט קויפן פאַר אונדז צום עסן, —האָט פעליקס געענטפערט. — כ׳וועל אײַך אָבער דערציילן נאָך אַ בעסערע זאַך, אַז „ראָזיטאַ“ גייט פונקט איצטער אָפּ פון האָפן און זי לאָזט זיך צו צאָפן, אין אונדזער זײַט. כ׳האָב נישט קײַן פיש אַף צו פאַרקויפן זיי, דערפאַר אָבער האָט דער קאַפּיטאַן געזאָגט, אַז אויב כ׳וועל העלפן אין די האַפּנס אָנלאָדן סכוירע אַפן שיף, קאָן ער אונדז אַלע נעמען מיט זיך און אָפּפירן אונדז אַהיים. קומט־זשע! זיי וואַרטן אַף אונדז.

פּעטראָ און די קינדער זײַנען באַלד מיט אים אַוועק. זיי זײַנען ווידער פאַרבײַגעגאַנגען פאַרבײַ דעם רוישיקן האָפן, וואָס איז איבערגעפולט געווען מיט אַרבעטנדיקע, ערגעץ־אײַלנדיקע מענטשן, און זיי זײַנען צוגעגאַנגען צום ברעג, ווו „ראָזיטאַ“ איז געשטאַנען.

זיי זײַנען שוין געזעסן אַפֿן שיפֿדעק פֿון „ראָזיטאַ"; די שיף האָט זיך אַדורכגעשלאָגן צווישן אַנדערע שיפֿן און איז אַרויסגעשווומען פֿון מאַנילער האַפֿן און געלאָזט זיך איבערן דורכגוס. זיי האָבן זיך אויסגעזעצט אַלע אינאײנעם און זיך אַ נעם געטון צום עסן, וואָס פֿעליקס האָט זיי געבראַכט.

דער יאַם איז נאָך אַלץ נישט געווען אינגאַנצן רויִק, אָף דער „ראָזיטאַ" איז שוין אָבער שטאַרק גוט געווען צו פֿאָרן. אַפֿילע פּעטראַ האָט פֿאַרגעסן פֿון איר מוירע, בעשאַס אַ לײַכט ווינטל האָט אָנגעבלאָזן די זעגלען, און זיי זײַנען איבערן בלויען וואַסער געפֿאָרן צו זיך אַהיים. פֿעליקס האָט סאָרטירט די פֿיש איבער די קוישן, און פּעטראַ מיט די קינדער האָבן זיך פֿאַרקליבן אין אַ ווײַט־ווײַטן ווינקל פֿון שיפֿדעק און געשמאַק אַנשלאָפֿן געוואָרן.

„ראָזיטאַ" האָט זיך עטלעכע מאָל אָפּגעשטעלט לעבן די קלײנע ברעג־שטעטלעך, אָנגעלאָדן דאָרט קאָקאָס־ניס, גרינס און פֿיש, און אונדזערע מידע רײַזנדער זײַנען נאָך אַלץ געשלאָפֿן. דינגאָ האָט זיך אויך צוגעטוליעט צו זיי.

ענדלעך, האָט זיי פֿעליקס פֿאַנאַנדערגעוועקט.

— שטייט אוף, שטייט גיכער אוף,—האָט ער צו זיי געשריגן,— מיר זײַנען שוין קימאַט ווי אינדערהיים!

זיי האָבן זיך מיט פֿרייד אַ שטעל געטון אָף די פֿיס, אָפּרײַבנדיק פֿון די אויגן דעם שלאָף, און זיך אַוועקגעלאָזט איבערן דעק, דורכשלאָגנדיק זיך צווישן די פֿיש־קוישן און [illegible]טלעך קאַנאַטן, וואָס זײַנען געלעגן שורעס־יווײַז.

— קוקט נאָר, — האָט פעליקס אויסגעשריגן, — צי דען זעט איר נישט דעם טײַך און דעם קאַקאָס־בוים, צו וועלכן מיר פלעגן צובינדן אונדזער פליט? און זעט נאָר, כאַפּט נאָר אַ קוק אויף דעם דאַך. אָן דאָרט, פון הינטער די בײמער זעט מען דאַך דעם דאַך פון אונדזער הויז!

— יאָ, יאָ, דער דאַך ליגט נאָך אַלץ אויף דער שטוב! — האָט פּעטראַ אויסגעשריגן. — איך האָב מוירע געהאַט, אַז דער ווינט האָט אים אַראָפּגעטראָגן.

מע האָט אַראָפּגעלאָזט פון „ראָזיטאַ“ אַ שיפל. פעליקס איז אין שיפל אַרײַן דער ערשטער. דער צווייטער איז געגאַנגען דינגאָ, ווײַל ווי נאָר ער האָט דערזען זײַן באַלעבאָס אין שיפל, האָט ער זיך גלײַך צעקוויטשעט, איבערגעשפּרונגען איבער די דעק־פּאַרענטשעס און זיך אַרײַנגעוואַלגערט, שיר נישט איבערקערנדיק דאָס שיפל. שפּעטער מיט עטלעכע מינוט זײַנען בעשאָלעם אַראָפּ פּעטראַ מיט די קינדער. זיי זײַנען געשטאַנען אין שיפל און זיך אויף אַ קאָל געגריסט מיט די יאַם־לײַט, און דאָס קליין שיפל איז שנעל אַוועק גלײַך צום ברעג.

— אײנער פון די גרויסע באַנאַנען האָט זיך אומגעוואַלגערט, — האָט ראַמאָן אויסגעשריגן און באַוויזן אויף דער גרינער קופּע בלעטער לעבן קיך.

— די באַמבוק־קוסטעס זײַנען מיסטאָמע אויך אויסגעריסן, — האָט פעליקס געזאָגט. — אַ גרויסער סאָפּעק, צי איין שטענגל כאָטש איז געבליבן אויפן אָרט.

— אונדזער שטוב, אַלנפאַלס, שטייט נאָך אויפן זעלבן אָרט, — האָט פּעטראַ געזאָגט.

— און אָט זעט נאָר, ווי די ציג קוקט אַרויס פון קיך! — האָט ריטאַ אויסגעשריגן.

— ווי־זשע קומט זי אַהין? — האָט פּעטראַ פאַרבראָכן מיט די הענט. — ראַמאָן, דו האָסט מיסטאָמע געלאָזן אָפן די טיר, בעשאַס דו ביסט געגאַנגען נאָך די שוועבעלעך?

— ניין, נישט געלאָזן אָפן, — האָט ראַמאָן אַנטשלאָסן געזאָגט. — איך געדענק, אַז איך האָב די טיר פאַרמאַכט אַלנפאַלס, דאַכט זיך מיר, אַז איך געדענק, ווי איך האָב זי פאַרמאַכט.

זיי זײַנען אַלע געווען אַזוי גליקלעך, וואָס זיי זײַנען שוין אינדערהיים, אַז פעליקס האָט אַפילו אָנגעהויבן צו שפּאַסן:

— איך זע אינערגעץ נישט אונדזער אַלטן קורצעק, — האָט ער געזאָגט. — עפּשער איז ער אויך אין קיך?

פּעטראַ האָט זיך צעשמייכלט, און די קינדער האָבן אויסגעשאָסן אַ הילכיק געלעכטער, פאָרשטעלנדיק זיך, ווי דער אַלטער קורצעק האָט געקלעטערט אָפן לייטער.

אין דערדאָזיקער רעגע האָט זיך דאָס שיפל אָפּגעשטעלט אָפן ווייכן זאַמד באַם ברעג. פּעטראַ מיט די קינדער זײַנען אַרויסגעשפּרונגען אָפן ברעג און זיך אַוועקגעיאָגט אַהיים. פעליקס האָט זיך אָפּגעזעגנט מיטן שיפער און אַוועק נאָך זיי.

דינגאָ איז געלאָפן פאָרויס, פאַר אַלעמען. ער האָט דערזעען אין שטוב די ציג און ער האָט באַשלאָסן אָנלערנען זי פאַר אַזאַ מין אומאָרדענונג.

אַז פּעטראַ מיט די קינדער זײַנען צוגעגאַנגען צו דער טיר, האָבן זיי נישט געקאָנט אַרײַנגיין אין קיך אַרײַן,

ווײַל דינגאָ האָט דאָרט מילכאָמע געהאַלטן מיט דער ציג. ער האָט געבילט, געיאָגט זיך איבער דער קיך און געביסן זי פאַר די פיס. און די ציג האָט זיך געדרייט אַרום און אַרום און דערלאַנגט אים אַ שטויס מיט די הערנער, אויב ס׳איז איר נאָר געלונגען.

— זיי האָבן איבערגעקערט דעם עמער וואַסער, — האָט פעטראַ אויסגעשריגן, ווען זי האָט דערהערט דעם קלאַנג פון עמער און פונעם צעגאָסענעם וואַסער.

ווי ס׳זעט אויס, האָט זיך דאָס וואַסער ארופגעגאָסן גלײַך אַף דינגאָן, ווײַל אין אַ רעגע אַרום איז ער מיט אַ קוויטש, איינגעצן אַ נאַסער, אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ

אַז פעליקס איז צוגעגאַנגען צו דער שטוב, האָט שוין די מילכאָמע צווישן דינגאָ מיט דער ציג געהאַלטן באַם סאָף. דינגאָ האָט זיך פאַרבאַהאַלטן אונטערן הויז. די ציג און איר בעקעלע זײַנען געלאָפן איבערן וועג צום פּאַשע-פּלאַץ, ראַמאָן האָט זיי אונטערגעטריבן, און ריטאַ מיט פעטרען האָבן אופגעראַמט די קיך.

אָפּגעפירט די ציג אַף פּאַשע, האָט ראַמאָן גענומען זוכן זײַן הון מיט די הינדעלעך. לעבן הויז זײַנען זיי אינערגעץ נישט געווען. אַפילע די הינערשטײַג איז פאַרשוווּנדן געוואָרן. ראַמאָן האָט זיך געפילט שטאַרק שולדיק. ווי אַזוי האָט ער עס געקאָנט אַרויסלאָזן זיי פון זינען? ער איז אַוועק פּאַזע דעם טײַך-ברעג, אַרומגעקוקט אַלץ אַרום און זיך צוגעהערט.

פלוצלינג דערהערט ער — דינגאָ האָט זיך צעבילט, פונקט ווי ער וואָלט געפונען אַ גרויסן עקדעש. ראַמאָן האָט זיך געלאָזט נאָך דער בילערײַ. דער הונט איז ביז די

קני געשטאנען אין אַ קאַליזשע. באם ברעג קאַליזשע איז אומרויִק אַרומגעלאָפן און געקוואָקעט דאָס קליינע ברוינע הינדל. נאָך איר איז נאָכגעלאָפן נאָר איין הענדעלע פון אַלע אירע קינדערלעך. דאָס איז געווען דאָס סאַמע גרע־סטע הענדל, מיט אַזוינע פעדערן אָפן עק, וואָס ראַמאַן האָט מיט זיי באַזונדערס שטאָלצירט. אין דער קאַליזשע זײַנען געשווומען צוויי טויטע הינדעלעך, און דאָ נישט ווײַט האָט זיך געוואַלגערט די שטײַג. די איבעריקע הינ־דעלעך האָט מען אינערגעץ נישט געזען.

ראַמאַן האָט אַ בערויגעזער אופגעהויבן די שטײַג. די שטײַג איז געווען דורכויס גאַנץ, כאָטש דער ווינט האָט זי פאַרוואָרפן אַזוי־ווײַט פון הויז. דערנאָך האָט ער פאַרטריבן אַהיים די הון מיט איר איינציק הינ־דעלע.

„ווען איך וואָלט נאָר געווען אוועקגעשטעלט די שטײַג אונטערן הויז, וואָלט גאָרנישט ניט געשען,— האָט ראַמאַן טרויעריק געטראַכט.— אַצינד זײַנען אַלע אירע קינדערלעך פאַרטראָגן מיטן ווינט, אַכוץ דעמדאָזיקן קליי־נעם הענדעלע, און כ'האָב שוין איצט נישט וואָס צו געבן אָף דער אויסשטעלונג. און אָף וואָסערע צאָרעס דאַרף מען עס דעמדאָזיקן טײַפון?!“

אַז ער איז צוגעגאַנגען צו זייער הויז, האָט ער דערזען, ווי דער טאַטע באַטראַכט עפּעס אַ לאָך אין דאַך. דער ווינט האָט אַראָפּגעריסן אַ טייל אָטשערעס. ריטאַ האָט אַ קוק געטון אין קופערט, צי האָט פון שטורעם נישט גע־ליטן איר טײַער קוישל. און פעטראַ איז געזעסן און גע־קלערט, וואָס מאַכט מען אָף וועטשערע.

— באַנאַכט האָט זיך ראָמאַן אויפגעכאַפּט: דער טאַטע מיט דער מאַמע האָבן שטיל געשמועסט צווישן זיך.
— דאָס איז אַ שווערער קלאַפּ פאַר אונדז, — האָט פעליקס געזאָגט. — ס'איז אוממעגלעך צו פאַרנעמען זיך מיט פיש־פאַנג אָן אַ פליט, אָן קוישן, אָן נעצן. און אָן פישפאַנג ווייס איך נישט, ווי אַזוי מיר וועלן דורכלעבן ביז דער נײַער גערעטעניש. דאָס פעלד איז אויך פאַרטרונקען געוואָרן בעיס דעם שטורעם־ווינט. דער רײַז קאָן, פאַרשטייט זיך, ווידעראַמאָל זיך אויפהייבן. מיר קענען שוין אָבער ניט האָפן, אַז די גערעטעניש זאָל זײַן אַזוי גוט, ווי איך האָב געוואַרט.
זיי האָבן אַ ווײַלע געשוויגן, אַז פעטראַ האָט אָנגעהויבן ריידן, האָבן זיך אין איר קאָל געהערט טרערן.
— אַלקאַלפאַנים, לעבן מיר כאָטש אַלע, — האָט זי גע־זאָגט. — אַז מיר זײַנען געווען אָפן פליט, בעייסן שטורעם, האָב איך געטראַכט, אַז — וואָס ס'וועט זײַן וועט זײַן, אַבי מיר זאָלן נאָר בלײַבן לעבן. אָבער... — דאָ האָט איר קאָל גענומען ציטערן — עפּשער האָבן מיר זיך געראַ־טעוועט דאָרטן נאָר קעדיי צו שטאַרבן דאָ פון הונגער.
— נו, נו, ס'איז נאָך ניט אַזוי שלעכט, ווי דו מאַכסט, — האָט זיך אָפּגערופן דער טאַטע. — מיר קאָנען פאַרקויפן דעם אַלטן קורצעק. דאָס איז די איינציקע טײַערע זאַך, וואָס אונדז איז נאָך פאַרבליבן.
— ניין, מיר טאָרן דעם קורצעק ניט פאַרקויפן, — האָט פעטראַ געזאָגט. — מיר וועלן דאָך נישט האָבן מיט וואָס צו אָפּפירן אונדזער רײַז אָפן מאַרק.

— יאָ, — האָט דער טאַטע מאַסקים געווען, — ס׳וועט אונדז שווער זײַן אָן דעם קורצעק. אָן אים וועלן מיר נישט קענען פאַרזעצן קײַן רײַז און אָן רײַז, וועלן מיר נישט קענען האַלטן דעם קורצעק. מע דאַרף צוטראַכטן עפּעס אַנדערש, ווי אזוי זיך צו העלפן.

— צי דען קאָנסטו נישט מאַכן קײַן אַנדער פּליט? — האָט פּעטראַ געפרעגט.

— איך קען, — האָט פּעליקס געענטפערט, — און כ׳וועל אומבאַדינגט מאַכן. איך האָב שוין באַשלאָסן מאַכן דעם פּליט פון באַמבוק־שטאַמען, וואָס דער שטורעם האָט אײַנ־געוואַלגערט. אָבער אָן נעצן, קוישן און די איבעריקע מאַכ־שירים וועל איך מיט דעם פּליט גאָר ווייניק אופטון.

זיי זײַנען ווידער אַנשוויגן געוואָרן. ראַמאָן איז גע־לעגן אינגאַנצן שטיל. פּעטראַ האָט שטיל געוויינט.

פּעליקס האָט זיך אָפּגערופן:

— מיט טרערן וועלן מיר פון אומגליק ניט אַרויס, פּעטראַ. מיר וועלן דאָך עפּעס אַזוינס צוטראַכטן. מיר קאָ־נען כאַפּן פאַר זיך פיש און קראַבן, אין גאָרטן וואַקסט גרינס. הונגעריק וועלן מיר שוין נישט זײַן, אַפילע ווען מיר זאָלן נישט האָבן קײַן געלט צו קויפן זיך נעצן.

— און מיר האָבן נאָך די ציג, — האָט פּעטראַ געזאָגט, — וועלן מיר האָבן מילך.

— יאָ, — האָט פּעליקס געזאָגט, — און כוצדעם קאָנען מיר נאָך פאַרקויפן די הינדעלעך מיט די כאַזיירים.

זײַן קאָל האָט שוין געקלונגען אַביסל מונטערער:

— ווען מיר זאָלן נאָר קענען באַקומען נײַע נעצן און בלאָקן! — האָט ער אויסגעשריגן. — מיר האָבן קײַן געלט נישט

און דעריבער האָבן מיר קיין שום האָפענונג נישט דאָס אַלץ איינצוקויפן.

— ס'איז איצט נאַכט, און אין דער פינצטער זעט יעדער זאַך אויס שוואַרץ, — האָט אים פעטראַ באַרויִקט. — אָט מאָרגן אינדערפרי, באַם ליכטיקן טאָג וועלן מיר עפּעס צוקלערן. לאָמיר דערווייַלע שלאָפן.

ראַמאָן איז אָבער לאַנג ניט געשלאָפן. ער איז געלעגן אויף זיין מאַט און געטראַכט אַלץ, ווי אַזוי וואָלט ער זיי געקאָנט העלפן. צוערשט האָט ער געקלערט, אַז וואָס וואָלט געווען, ווען ער געפינט גאָלד אָפן פּאַשע־פּלאַץ.

„איך בין קימאַט ווי זיכער, אַז ס'איז דאָרט פאַראַן גאָלד. — האָט ער געטראַכט. — אויב איך וועל דאָס גאָלד געפינען, וועל איך עס אויסגראָבן, ברענגען צו טראָגן אַהיים און אַלץ ביז דעם לעצטן פּעדימל אָפּגעבן דער מאַ־מען. דעמלט וועט זי קאָנען קויפן נעצן פאַרן טאַטן, און פאַר זיך — אַ שיין קלייד. עפּשער וועלן מיר גאָר קענען קויפן זיך אַזאַ מין גרויס שיפל, ווי „ראָזיטאַ“. איך וועל דעמלט זיין דער קאַפּיטאַן...“ — דאָ האָט ער שוין אָבער מער גאָרנישט ניט געטראַכט, ווייל ער איז פעסט איינגעשלאָפן.

VII. שניט

אַף מאָרגן אינדערפרי איז די גאַנצע מישפּאָכע שפּעט געשלאָפן. אַז די קינדער האָבן זיך אופגעכאַפּט, האָבן שוין טאַטע־מאַמע פאַרענדיקט זייער אָנבײַסן, און פעליקס איז אוועק אָנקלײַבן פאַלמען־בלעטער אַף צו פאַריכטן דעם דאַך. ראַמאָן האָט געוואָרפן אומרויִקע בליקן אַף דער מאַמען, וועלכע איז שטיל אַרומגעגאַנגען און עפּעס זיך געפּאָרעט ארום הויז. ער האָט געוואָלט זען, צי די מאַמע וויינט נאָך. איר פּאָנים איז אָבער געווען רויִק, ווי טאָמיד, און ס׳האָט זיך אים גענומען דאַכטן, אַז דאָס, וואָס ער האָט געהערט בײַנאַכט, איז גאָר געווען א כאָלעם.

ער האָט מיט ריטען גיך איבערגעכאַפּט דעם אָנבײַסן און זיי זײַנען אַוועקגעלאָפן אין שול. זיי זײַנען געקומען אין שול, ווען די פרימאָרגן־לימודים האָבן זיך שוין אָנגעהויבן. זײַנען זיי אַזוי געשטאַנען אַ ווײַלע פאַר די טירן און מוירע געהאַט אַרײַנצוגיין, דערפאַר וואָס זיי האָבן אַזוי פאַרשפּעטיקט. ענדלעך, האָבן זיי דערשראָקן אופגעעפנט די טיר און אַרײַנגעקוקט אין קלאַס.

און דאָ איז געשען א מין ווונדערלעכע זאַך. ווי נאָר די לערערקע האָט זיי דערזעען, איז זי גלײַך אַרויסגעגאַנגען זיי אַנטקעגן, און אַלע קינדער האָבן זיי מיט פרייד באַגריסט.

די מײַסע דערפֿון איז, וואָס אין שטאָט האָבן שוין אַלע געוווּסט, אַז די מישפּאָכע סאַנטאָס איז ערעוו דעם שטורעם אַוועקגעפֿאָרן מיטן פֿליט, און פֿון זינט דעם שטורעם האָט זיי קיינער נישט געזעען. אַלע האָבן געמיינט, אַז זיי זײַנען אומגעקומען. אָט פֿאַרוואָס די כעוורע האָבן זיך אַזוי דערפֿרייט, בעשאַס ראַמאָן און ריטאַ האָבן זיך באַוויזן אין קלאַס. אַלע האָבן אַזוי געגאַרט צו וויסן, וואָס האָט מיט זיי פּאַסירט און ווי אַזוי האָבן זיי זיך געראַטעוועט, אַז די לערערקע האָט שוין ווײַטער נישט גענומען זיך צום לימעד; זי האָט נאָר געבעטן ראַמאָנען מיט ריטען, אַז זיי זאָלן דערציילן אַלץ, וואָס מיט זיי האָט זיך געטראָפֿן.

ס'איז זייער אָנגענעם זיך פֿילן פֿאַר אַ העלד און וויסן, אַז דו קאָנסט דערציילן אַזויפֿיל אינטערעסאַנטע זאַכן. דעם גרעסטן טייל פּאַסירונגען האָט איבערגעגעבן ראַמאָן. ער האָט דערציילט וועגן דעם ווינט און די כוואַליעס, און וועגן דעם דאַמפּער, וואָס האָט זיי געראַטעוועט, און וועגן אַלע זעלטענע זאַכן, וואָס זיי האָבן געזעען אין מאַנילער האַפֿן, און די קינדער האָבן געהערט מיט אויסגעגלאָצטע אויגן און צעעפֿנטע מײַלער.

צוויי טעג האָט מען געקוקט אַף ראַמאָנען און אַף ריטען, ווי עפּעס אַף אַ באַזונדערן סאָרט מענטשן. די קינדער האָבן זיך מיט אַלע מיטלען געסטאַרעט צו אַרויסווײַזן זיי זייער ליבשאַפֿט און אופֿמערקזאַמקײַט; זיי האָבן אַפֿילע שטאָלצירט, ווען זיי האָבן געהאַט דעם קאָוועד צו שפּאַצירן האַנט בײַ האַנט מיט די העלדן פֿון אַזעלכע שרעקלעכע פּאַסירונגען. דערנאָך איז דאָס אַלץ אַריבער, און סאָף וואָך זײַנען שוין ראַמאָן מיט ריטען געוואָרן די-

זעלבע פּאָשעטע קינדער, ווי זיי זײַנען טאָמיד געווען. קיינער האָט זיי שוין קיין באַזונדערן קאָוועד נישט אָפּגעגעבן. די גאַנצע שול איז איצט געווען פאַרנומען מיט די האַכאָנעס צום שניט־יאָנטעוו. די קינדער האָבן געהאַלטן אין איין ריידן פונעם דאָזיקן יאָנטעוו און פון זייערע אַרבעטן, וואָס זיי וועלן ברענגען אָף דער אויסשטעלונג.

ראַמאָן איז געווען זייער צופרידן, וואָס פון אַלע־קינדער האָט נאָר דער איינציקער ייִנגל דזשאָזע אויך געוואָלט ברענגען אַ האָן צו דער אויסשטעלונג. ער האָט איצט באַנײַס גענומען האָפן, אַז זײַן האָן וועט עפּשער באַקומען די פּרעמיע. האָט ראַמאָן נאָך זאָרגעוודיקער גענומען צוזען זײַן האָן. ער האָט אים געהאָדעוועט מיט אַלץ, וואָס ער האָט נאָר געקאָנט צונויפקלײַבן, און ער האָט מיט שטאָלץ געהערט, ווי דער האָן פאָרט אַרויס מיט זײַן ערשטן קאָמישן קוקאַרעקו. ער האָט זיך אַליין אײַנגערעדט און געוואָלט אויך אײַנרעדן ריטען, אַז דאָס איז דער סאַמע שענסטער האָן אָף דער גאַנצער וועלט.

ריטאַ האָט שוין געהאַלטן באַם פאַרענדיקן איר קויש. איר גאַנצע פרײַע צײַט איז זי געזעסן איבערן קוישל. דער טאַטע מיט דער מאַמע האָבן קנאַפּ־וואָס גערעדט פון זייערע דײַגעס, די קינדער האָבן אָבער געזעען, אַז דאָס לעבן ווערט זיי אַלץ שווערער.

זיי האָבן געהאַט זייער ווייניק עסנוואַרג, אַכוץ דעם קאַמאָטעס און פרוכטן, וואָס זײַנען אָסאַך געוואַקסן בײַ זיי אַרום שטוב. דער רײַז איז שוין אינגאַנצן אויסגעגאַנגען, די כאַזיירים, הינדעלעך און גענדז שוין פאַרקויפט. שוין מער גאָרנישט ניט געבליבן צו פאַרקויפן, אַכוץ דעם קאַ־

ראַבוּ; דער טאַטע האט אָבער באַשלאָסן בעסער צו הונגערן איידער זיך צעשיידן מיט אַלטן קורצעק. אַגעוו, ווען ער זאָל אים אַפילע וועלן פאַרקויפן, וועט אויך נישט זײַן וועך סע זאָל אים קויפן, ווײַל זײַנע שכיינים זײַנען פונקט אזוי אָרעם, ווי ער אַליין.

דער פאָטער האָט נאָך אָבער אלץ נישט פאַרלאָרן די האָפענונג צו פאַרבעסערן זײַן לאַגע. ער האָט געהאָרעוועט איבערן פליט, כאָטש ער האָט נישט געהאַט קיין געלט אף קויפן נעצן, שטריק און בלאָקן. ער האָט מיט די הענט געכאַפט קראַבן און זיך געטוקט אונטערן וואַסער אַפן גרונט פון טײַך נאָך אויסטערן, און געהאָדעוועט דערמיט זײַן מישפאָכע.

ראַמאָן האָט שוין לאַנג דערציילט ריטען וועגן דעם שמועס, וואָס טאַטע־מאַמע האָבן צווישן זיך באַנאַכט געפירט, און די קינדער האָבן אינײנעם געוואָלט צוטראַכטן עפּעס אזוינס, מיט וואָס זיי וואָלטן די עלטערן געקאָנט העלפן. ראַמאָן האָט איר דערציילט פון די גאָלד־גרובן, וואָס ער האָפט צו געפינען. ריטאָ האָט זיך אויסגעלאַכט פונעם דאָזיקן פלאַן, זי האָט אָבער שט געקאָנט פאָרלייגן קײַן בעסערע זאַך

איינמאָל האָט זיך ראַמאָן אװעקגעלאָזט אַפן פאַשעפלאַץ זוכן גאָלד. דינגאָ האט זיך אװעקגעיאָגט נאָך אים. אָנשטאט גאָלד האבן זיי נאָר געפונען עטלעכע טשערעפאַכענע אײער. דערמיט האט זיך זייער גאָלדזוכערײַ פאַרענדיקט. ראַמאָן האָט באַשלאָסן, אז עפשער וועט ער בעסער קענען אונטערהאַלטן די פאַמיליע מיט קלײַבן טשערעפאַכענע אײער. אינאָוונט האט ער זיך אומגעקערט אהײם,

שטאָלץ דערפון, וואָס ער וועט איצט קענען העלפן דעם טאַטן. אינעם דאָזיקן אָוונט האָבן זיי געגעסן אזא מין גוטע וועטשערע, וואס זיי האבן שוין לאנג אַזאַ נישט געהאַט.

די וואָכן זײַנען זיך פאַמעלעך פאַרגאַנגען. וואָס מער דער שניט האט זיך דערנענטערט, אלץ מיט מער אומרויִקײַט האט דער טאַטע געקוקט אפן הימל. ווענדיק טרעפן, וואס פאר א וועטער ס׳וועט זײַן: אויב ס׳וואָלט נאָכאַמאָל אויסגעבראָכן א אוראַגאַן אָדער ווען ס׳זאָל זיך פראָסט דורכטראָגן א שטאַרקער שטורעם, איז די גאַנצע גערעטעניש פאַרפאַלן. און זייער גאַנצע האָפענונג איז דאָך איצט געווען נאָר אף דער גערעטעניש פון רײַז.

ענדלעך, האָט ער אייננמאָל אינאָוונט זיך אָפגערופן צו פעטרען:

— מאָרגן הייב איך אָן אַראָפּשנײַדן דעם רײַז. ער איז שוין פאַרטיק. איך האָב באַשלאָסן אַראָפּנעמען אים וואָס פריִער. פאַזע ברעג פאָרן דאָך שוין אַרום די מאַנילער אופקויפער, וואָס קויפן אוף די נײַע גערעטענישן צוליבן יאָרמאַרק. וואָס פריִער מיר וועלן דעם רײַז פארקויפן, אַלץ א גרעסערע פרײַז וועלן מיר פאַר אים נעמען. מיר מוז הײַנט פרי גיין שלאָפן, קעדיי צו אופשטיין מאָרגן מיט די הענער.

ס׳איז נאָך געווען ווײַט ביז טאָג, און זיי האָבן זיך אלע שוין אופגעכאַפּט. דער יונגער האָן האָט זיי אופגעוועקט מיט זײַן קריי. ס׳איז נאָך געווען אזוי פרי, אז אפילע דער ערשטער באַגינען־שטראַל האָט זיך נאָך נישט באַוויזן אַפן מיזרעכדיקן הימל. זיי זײַנען אלע גלײַך אוועק אפן רײַז־

פעלד. זיי האָבן זיך אײַנגעבויגן און דערנאָך זיך צוריק אויסגעגלײַכט באַם אָפּשנײַדן די רײַז־שטענגלעך, און אין דעם קאַיאָר־כוישעך האָבן זיי אויסגעזעען, ווי פיר טונקעלע שאָטנס. אַז ס'האָט זיך בא זיי אָנגעקליבן א ברעמניע שטענגלעך, האָבן זיי זי מיט שטרוי צונויפגעבונדן אין אַ קליינעם גאַרב. דידאַזיקע גאַרבן האָבן זיי אין דעם ראַזאָרע צונויפגעלייגט אין א קופּע.

אַז פעליקס האָט שוין אָנגעהויבן צונויפלייגן די גאַרבן אין די גוואַלדיק־גרויסע קערב, ערשט דעמלט האָבן זיך באַוויזן נײַע שניטער, דערוואַקסענע און קינדער, וואָס זײַנען געקומען אַרבעטן אױף די שכײנישע פעלדער. אַ גאַנצן טאָג האָט זיך איבערן פעלד געטראָגן געלעכטער און געזאַנג: די געראָטעניש איז געווען אַ בעסערע, ווי מע האָט געוואַרט. און וואָס אַ שאָ מער אַרבעט אפן פעלד, אַלץ זיכערער איז מען געווען, אז די געראָטעניש וועט נישט פאַרלאָרן גיין. אפילע פעליקס האָט אָנגעהויבן זינגען, און די קינדער, אז זיי האָבן דערזעען דעם טאַטן אַזאַ פריילעכן, האָבן זיי זיך צעזונגען מיט אַזאַ קנאַק, ש'יר נישט הייזעריק געוואָרן.

דעם אַלטן קורצעק האָט מען אײַנגעשפּאַנט אין וואָגן, און ער איז באַם ברעג פעלד געדולדיק געשטאַנען און געהאַרט, אַז מע זאָל אַרופלייגן די סנאָפּעס אַף אָפּפירן אַהיים.

ראַמאָן האָט זיך געפילט פאַר זייער אַ גרויסן מאַן, בעשאַס ער איז געזעסן אפן קאַראַבוס פלייצע און געטריבן אים אַהיים מיט די סנאָפּעס און צוריק אפן פעלד.

ראַמאָן מיטן טאַטן האָבן איבערגעפירט די סנאָפּעס, און ריטאַ מיט דער מאַמען האָבן זיך דאָ דערווײַל גרייט גע־

מאַכט צום דרעשן. אַז דער טאַטע מיט ראָמאַנען האָבן גע־
בראַכט צו פֿירן דעם לעצטן וואָגן, האָט די גאַנצע מישפּאָכע
אָנגעהויבן אַרומשפּרינגען איבער די סנאָפּעס, גענומען
טרעטן זיי און פּרעסן, קעדיי צו אַרויסקלאַפּן די קערנדלעך
פֿונעם שטרוי. לאַנג האָט זיך געצויגן דערדאָזיקער מאָד־
נער טאַנץ. ענדלעך, איז פֿעליקס אַוועק געבן עסן דעם
קורצעק, און פּעטראַ האָט גענומען אַביסל נישט דורכגע־
ווייעטן רײַז אַף צו פֿאַנאַנדערשײלן און אָפּקאָכן וועטשערע.

זי האָט אַרײַנגעטון דעם רײַז אין אַ שטײסל און גע־
נומען קלאַפּן מיטן טויקאַטש איבערן רײַז און זי איז געווען
אַזוי פֿאַרטון אין איר אַרבעט, אַז זי האָט אַרום זיך גאָרנישט
נים געהערט און נישט געזען. ראָמאָן האָט אָבער דער־
ווײַל שוין אָנגעהויבן מיד ווערן פֿון דער אַרבעט. איז אים
אײַנגעפֿאַלן אַ גלענצנדער געדאַנק: ער האָט ריטען איבער־
געלאָזט אַליין טרעטן דעם רײַז, און אַליין איז ער אַוועק־
געלאָפֿן אַפֿן פּאַשע־פּלאַץ. שפּעטער מיט אַ מינוט איז
ער שוין געקומען צוריק מיט דער ציג און מיטן בעקעלע.
ער האָט צוגעבונדן אַ שטריקל צו דער ציגס הערנער,
אַרויפֿגעטריבן זי אַף דער קופּע רײַז און גענומען אַרומ־
יאָגן זי איבערן רײַז אַהין און צוריק, אַהין און צוריק. אַז
דינגאָ האָט דערזען דידאָזיקע נײַע שטיקל אַרבעט, האָט
ער זיך אַ וואָרף געטון אַף דער ציג, גענומען בילן אַף איר
און כאַפּן זי פֿאַר די פֿיס.

האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די ציג קאָן טאַקע אַף אַן עמעס
אַרבעטן, ווי אַן אויסגעצייכנטע דרעשלקע. זי איז געלאָפֿן
גאַלאָפּ אַרום און אַרום איבער דער קופּע שטרוי, דינגאָ
האָט זיך נאָך איר געיאָגט מיט אַ בילערײַ, און ראָמאָן איז

געשטאַנען אינמיטן קופּע, געהאַלטן אין די הענט דאָס שטריקל און געשריגן אף צעריסן ווערן. טכילעס האָט פּעטראַ נישט באַמערקט דעמדאָזיקן טומל, ווײַל איר אײ־גענער טומל באַם שטויסן דעם רײַז איז געווען נישט קײַן קלענערער. ווען זי האָט אָבער אַף אַ ווײַלע אופגעהערט, קעדיי צו אָפּציִען דעם אָטעם, האָט זי ענדלעך דערהערט דעם טומל, וואָס האָט זיך געטראָגן פון ראַמאָנען מיט דער ציג מיט דינגאָן.

— וואָס טוט איר דאָרטן מיט דער ציג? איר זאָלט מיר שוין אופהערן! — האָט זי געשריגן, צולויפנדיק צום פענצ־טער. אַז זי האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ דורכן פענצ־טער און דערזען, וואָס סע טוט זיך, האָט זי פאַרבראָכן מיט די הענט.

ראַמאָן האָט קײַן האַלבן וואָרט נישט געהערט, וואָס די מאַמע האָט אים געשריגן; אַז ער האָט זי אָבער דערזען אין פענצטער, האָט ער באַ זיך געפוילט, אַז די מאַמע איז געוויס צופרידן מיט זײַן אײַנפאַל, און ער האָט נאָך שטאַר־קער גענומען שרײַען און טרײַבן די ציג.

— שטיי! שטיי! הער אוף! — האָט פּעטראַ געשריען, — דו ביסט פון זינען אַראָפּ! די ציג וועט דאָך קײַן טראָפּעלע מילך נישט געבן, אויב דו וועסט זי אַזוי יאָגן.

— מיר דרעשן אַף וואָס די וועלט שטיים! — האָט ראַמאָן געשריגן, — און דינגאָ העלפט אונדז אויך!

פּעטראַ איז שוין האַלב טרעפ אַראָפּגעלאָפן, קעדיי זיך אָפּרעכענען מיט דעם דערפינדער. נאָר איידער זי האָט נאָך באַוויזן אַראָפּלויפן אינגאַנצן און צוקוקן צו דער קופּע שטרוי, האָט שוין ראַמאָן זיך געכאַפּט, אַז די מאַמע איז

ני[illegible] [illegible]יי שטאַרק צופרידן פון זײַן אײַנפאַל. איז ער דע־ ריבער אַראָפּגעשפרונגען פון דער קופּע שטרוי, א נעם געטון די פיס אַף די פּלײצעס און אַנטלאָפן צום פּאַשע־ פּלאַץ — און די ציג, נאָך אים. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ס׳לוינט אים בעסער אַף דער הייסער מינוט צו איבערזיצן אַפן פּאַשע־פּלאַץ, ביז די מאַמע וועט זיך באַרויִקן. איז ער שוין דעריבער דאָ געזעסן, ביז ס׳איז פאַרטיק געוואָרן דער רײַז און ריטאַ איז אים געקומען רופן עסן וועטשערע.

דאָס דרעשן און איבערווייען דעם רײַז האָט געדויערט נאָך צוויי טעג. ענדלעך, איז דער אויסגעווייעטער רײַז שוין געלעגן אַף אַ מאַט פאַר דער טיר אין א גרויסער ברוינער קופּע. דער טאַטע איז געזעסן באַ דעם רײַז אַראָפּגעבויגן און ער האָט עפּעס לאַנג זיך געשעוועט.

— מיר האָבן דאָ גענוג רײַז אַף אַ יאָר עסן און ס׳וועט נאָך אונדז עפּעס בלײַבן אַף צו פאַרקויפן. אויב איך וועל פאַרקויפן דעם גאַנצן רײַז, וועל איך קענען קויפן אַ נעץ בלאָקן און שטריקלעך; מיר דאַרפן זיי דאָך אַזוי נייטיק האָבן. דערפאַר אָבער וועלן מיר א גאַנץ יאָר דאַרפן אונ־ טערהונגערן. די גערעטעניש איז א בעסערע, ווי איך האָב אויסגערעכנט, און ווען נישט דער טײַפון, וואָלט זי געווען נאָך אַ בעסערע. אַצינד דאַרפן מיר אויסקלײַבן איינס פון די ביידע: אָדער מיר זאָלן פאַרקויפן דעם גאַנצן רײַז און פאַר־ זאָרגן זיך מיט א פּליט, אָדער איבערלאָזן זיך דעם רײַז און וועגן אַ פּליט אופהערן צו קלערן.

— און מיר וואָלטן נישט געקאָנט איבערלאָזן זיך א טייל רײַז און פאַר די איבעריקע פאַרט קויפן זיך נעצן און אַלץ וואָס מיר דאַרפן? — האָט ראַמאָן געפרעגט. — אַזוי

וועלן מיר דאָך קיינמאָל נישט קענען עסן, וויפל ס׳וועט זיך וועלן.

— איך האַלט, אַז בעסער שוין עטלעכע כאַדאָשים צו־לײַדן און דערפאַר שפּעטער באַנײַס האָבן אַ פּליט, — האָט פּעטראַ געזאָגט. — מיר וועלן אַף אַזאַ אויפן ווידער האָבן צווײַ פאַרדינסטן. אויב אָבער מיר וועלן דאַרפן האַלטן זיך באַר מיט דער גערעטעניש פון רײַז, און די גערעטעניש וועט זײַן אַ שלעכטע, וועלן מיר נישט האָבן נישט קײַן רײַז, נישט קיין פיש. דעמלט וועט שוין זײַן גאָר שלעכט.

— ווען־זשע וועלן מיר שוין האָבן אַלץ, וואָס אונדז גלוסט זיך? — האָט ראַמאָן אויסגעשריגן, שיר נישט מיט אַ געוויין.

די מאַמע האָט צו אים געשמייכלט:

— מיר וועלן מאַכן אַ יאַנטעוו, מירן זיך אָפּפרייען אי־בערן שניט, און דאָס איבעריקע וועלן מיר אָפּשיקן אַפן מאַרק, — האָט זי פריילעך געזאָגט, כאָטש קיינער האָט ניט געוווּסט אַזוי גוט ווי זי, ווי שווער ס׳וועט זײַן צו האָדע־ווען די פאַמיליע אָן רײַז.

דער פאָטער מיט די קינדער האָבן זיך גענומען אַרײַנ־שיטן דעם רײַז אין זעק, און פּעטראַ האָט אָנגענומען אַ זשמעניע רײַז און איז אַוועק קאָכן וועטשערע.

VIII. דער יאָנטעוו פֿון גערעטעניש.

דער גערעטעניש־יאָנטעוו האָט שוין געהאַלטן גאָר נאָענט. ערעוו יאָנטעוו האָט פּעטראַ אויסגעוואַשן און צעפּרעסט די קינדערשע בגאָדימלעך, אַז זיי זאָלן האָבן אַן אָנשטענדיקן אויסזען, כאָטש זיי זײַנען שוין געווען שטאַרק אַלטע. דערנאָך האָט זי פֿאַריכט און אָפּגעפּוצט די קינדערשע שיך. נאָר וויפֿל זי האָט זיך נישט געסטאַרעט, האָט זי דאָך נישט געקאָנט מאַכן, אַז די שיך זאָלן ווערן שיינע.

ריטאַ האָט פֿאַרוויקלט איר קוישל אין אַ ווײַס שמאַטקעלע, און ראַמאָן האָט געמאַכט פֿאַר זײַן האָן אַ באַמבוקענע שטײַגל. אַז די שטײַגל איז געווען פֿאַרטיק, האָט ראַמאָן נאָך געדאַרפֿט כאַפּן דעם האָן און אַרײַנזעצן אים אין שטײַגל. דער האָן איז פֿאַר דער צײַט געוואָרן זייער אַ שיינער. ער האָט געהאַט בלישטשענדיקע גאָלדיק־ברוינע פֿעדערן, פֿעסטע געלע פֿיס און אַ רויטן קאַם.

ראַמאָן האָט צוגעוואַרט ביז אָוונט, ווען דער האָן האָט זיך געזעצט אַפֿן סעדעלאָ, האָט ער זיך דעמלט צוגעגאַנוועט און אים אַ כאַפּ געטון פֿאַר די פֿיס. דער האָן האָט שרעקלעך געשריגן און זיך ניט געלאָזן. ווען ער האָט אָבער פֿאָרט זיך דערזען אין דער פֿאַרמאַכטער שטײַג, האָט ער זיך אַזוי באַליידיקט, אַז ער האָט גלײַך פֿאַנאַנדערגעבלאָזן די פֿעדערן פֿון זײַן עק און נישט צוגערירט זיך צום עסן.

ענדלעך איז געקומען דער לאַנג־געוואַרטער טאָג.

גאַנצפרי נאָך איז ראַמאָן אַוועקגעלאָפן אַפן פאַשע־פעלד, זיך דאָרט אַוועקגעזעצט רײַטנדיק אַפן קורצעק און געבראַכט אים צום שטוב. דערנאָך האָט מען דעם קורצעק אײַנגעשפּאַנט אין אַ וואָגן, וואָס איז נאָך פון נעכטן געווען געפּאַקט מיט זעקלעך רײַז. אַנשטאָט אַ זאָטל האָט מען דעם קורצעק אַרופגעלייגט אַ ליידיק זעקל אַף דער פּלייצע, און אַז די גאַנצע מישפּאָכע איז שוין געווען גרייט, איז ראַמאָן אַרופגעקלעטערט אַפן קאַראַבו און זיך באַזעצט אַף זײַן פּלייצע.

ריטאַ און פּעטראַ האָבן זיך געזעצט אַף די זעקלעך רײַז. ריטאַ האָט געהאַלטן אין די הענט איר טײַערסטן קרישל, און פּעטראַ — איר אויסגענייטן לײַוונט, וואָס זי האָט גערעכנט פאַרקויפן. דער טאַטע האָט גענומען דאָס באַמבוק־שטעקל און דערלאַנגט עס ראַמאָנען, וועלכער האָט בעשומעופן נישט מאַסקים געווען, אַז עמעצער אַנדערש זאָל היטן זײַן האָן, און אַזוי האָבן זיי זיך אַלע אַוועקגעלאָזט אין שטאָט אַרײַן. פעליקס האָט געפירט דעם קורצעק פאַר אַ שטריקל, וואָס איז געווען אַרײַנגעטון בײַ אים אין נאָז, און דינגאָ איז נאָכגעלאָפן פון הינטן.

דער וועג אין שטאָט אַרײַן האָט זיך געצויגן פאַזע דעם ברעג פון אויסגוס. זיי זײַנען פאַרבײַגעפאָרן די שכײנישע הײַזער, און ס׳האָבן זיך צו זיי באַהעפט אַלץ נײַע אָנגעלאָדענע פורן. פּאַמעלעך האָבן זיי זיך אַלע געצויגן אין שטאָט אַרײַן.

די גאַסן פון שטאָט זײַנען געפּאַקט געווען מיט ווײַס־אויסגעצירטע מענער און פרויען און קינדער, ווײַל דער

גערעטעניש־יאָנטעוו איז געווען די גרעסטע געשעעניש פאַרן יאָר. אינעם דאָזיקן טאָג זײַנען זיך אַלע אַרומיקע פערמער צונויפגעפאָרן אין שטאָט אַרײַן, קעדיי צו זײַן אויפן יאָנטעוו און פאַרקויפן דאָ זייערע פּראָדוקטן.

פון מאַנילע זײַנען אָנגעפאָרן רײַז־אופקויפער. בײַם ברעג איז געשטאַנען אַ דאַמפער, וואָס האָט געוואַרט אויף אָנלאָ־דונג.

צוזאַמען מיט די אופקויפער זײַנען אויך געקומען צו־פאָרן זייערע ווײַבער און עטלעכע אַמעריקאַנישע רײַזנ־דער. ס׳האָט זיך זיי געוואָלט אַ קוק טון, ווי אַזוי זעט אויס דער גערעטעניש־יאָנטעוו אין אַ קליינער שטאָט.

פעליקס האָט זיך אָפּגערופן צו זײַן ווײַב:

— בײַם ברעג שטייט אַ דאַמפער. איך וועל אַהינצו אַוועקפאָרן וואָס גיכער. דו זאָלסט מיט די קינדער וואַרט אויף מיר אין שול.

פּעטראָ מיט די קינדער זײַנען אַראָפּגעשפּרונגען פונעם וואָגן, צוגענומען זייערע פּעקלעך, און באַלד איז דער וואָגן נישט געוואָרן פאַר די אויגן.

אין שול איז שוין געווען אָן אוילעם קינדער. זיי זײַנען אַלע געווען אָנגעטאָן אין זייערע בעסטע בגאָדים און גע־האַלטן אין זייערע הענט פּעקלעך מיט קוישן, אין וועלכע ס׳זײַנען געלעגן די זאַכן, וואָס זיי האָבן געבראַכט אויף דער אויסשטעלונג. אַ רויטע לערערקע, אינגאַנצן אַ פאַרשמאַ־יעטע, האָט צוגענומען די קינדערשע אַרבעטן און פאַנאַנ־דערגעשטעלט זיי איבער די בענק און פּאָליצעס פון צימער און צוגעטשעפּעט צו יעדער זאַך אַ בילעטל, מיטן נאָמען פון דעם, וואָס האָט געבראַכט די אַרבעט. די מאַמעס פון

די קינדער האָבן איר געהאָלפן און אַכטונג געגעבן, אַז זייערע קינדערס אַרבעטן זאָלן ליגן אַזוי, אַז מע זאָל זיי גוט אַרויסזען. זיי האָבן באַטראַכט די זאַכן, וואָס אַנדערע קינדער האָבן געמאַכט, און געפּלוידערט איינע מיט די אַנדערע.

ראַמאָן איז אַריינגעגאַנגען דער ערשטער. ער האָט געטראָגן דאָס באַמבוקענע שטייגל און אופמערקזאַם געקוקט אַף אַלע זייטן און געזוכט, צי זיינען נישטאָ קיין אַנדערע הינער אַף דער אויסשטעלונג.

— אַהערצו, — האָט אויסגערופן די לערערקע, אויסשטרעקנדיק איר האַנט. — ווייז נאָר אַהער דיין האָן. איך וועל אים אַוועקשטעלן לעבן דזשאָזעס האָן. נאָר איר צוויי, דו און ער, האָט איר געבראַכט אויפעס.

זי האָט אופגעהויבן די שטייג איבער די קעפּלעך פון די קינדער, וואָס האָבן זיך ענג אַרומגעשטעלט אַרום דער לאַנגער באַנק מיט גרינס, און זי האָט אַוועק געשטעלט דאָס שטייגל לעבן דזשאָזעס האָן, וועלכער איז געזעסן אין אַן אָפענעם קעסטל און איז נאָר געווען צוגעבונדן פאַר אַ פוס.

ראַמאָנס האָן האָט פון נעכטן אָן אַסאַך איבערגעטראָגן. מע האָט אים געכאַפּט, פאַרשטופּט אין אַ קעסטל, וואָס איז פאַר אים קליין געווען, אַ גאַנץ וועג האָט מען אים געטרייסלט, און איצט איז ער שוין אינגאַנצן אַרויס פון די קיילים. אַז די לערערקע האָט אַוועקגעשטעלט זיין שטייגל לעבן אַ צווייטן האָן, האָט ער דערפילט, אַז דעמדאָזיקן שאָכן קאָן ער שוין בעשומויפן נישט איבערטראָגן. דזשאָזעס האָן האָט זיך אויך אַנגעליטן נישט ווייניקער פון אים. די הענער

האָבן געקוקט אײנער אַף דעם אַנדערן, מיט אָנגעבױגענע קעפּ און פֿאַנאַנדערגעבלאָזענע פּעדערן אָפּן האַלדז. נאָר אײן װײַלע האָבן זײ זיך אַזױ אָנגעקוקט, און דערנאָך האָבן זײ זיך מיט אַזאַ רעציכע ארופגעװאָרפן אײנער [illegible] דעם אַנדערן, אַז דזשאָזעס האָן האָט זיך אָפּגעריסן פֿון שטריקל, און ראַמאָנס האָן האָט איבערגעבראָכן צװײ באַמבוקענע גראַטעס פֿון זײַן שטײַגל און בײדע האָבן זיך אײַנגעגעסן אײנער אין דעם אַנדערן מיט די שנאָבלען און נעגל.

אומזיסט האָט די לערערקע געמאַכט מיט די הענט. זי האָט מוירע געהאַט פֿאַנאַנדערנעמען זײ. די קינדער מיט זײערע מאַמעס זײַנען אָפּגעטראָטן צו דער װאַנט. דזשאָזעס האָן האָט זיך אַ יאָג געטון דורך דער אָפֿענער טיר, און ראַמאָנס האָן—גלײַך נאָך אים. זײ זײַנען בײדע איבערגעפֿלױגן אי[illegible]ער די קעפּ פֿון די צעטומלטע קינדער. דינגאָ האָט זיך אַ [illegible] געטון נאָך זײ, און שפּעטער מיט אַ רעגע האָבן שױן די ה[illegible] מיטן הונט זיך געיאָגט איבער דער גאַס. דזשאָזעס האָן פֿאָרױס. נאָך אים — ראַמאָנס, און דינגאָ איז זײ אַזױ פֿלינק נאָכגעלאָפֿן, אַז ער האָט קימאַט נישט אָנגערירט די ערד. ראַמאָן און דזשאָזע זײַנען געלאָפֿן הינטער דינגאָן. מענער, פֿרױען, קינדער און אַפֿילע די אַמעריקאַנישע רײַנדער — האָבן זיך געיאָגט נאָך זײ.

ראַמאָן און דזשאָזע זײַנען געװען פֿאַרצװײפֿלט. דאָס איז דאָך בעפּײרעש שרעקלעך — גרײטן זיך אַזױ לאַנג, װאַרטן, און פּלוצים פֿאַרלירן די מעגלעכקײַט צו באַטײליקן זיך אין דער אױסשטעלונג. װאָס ס'זאָל נישט זײַן, מוזן זײ כאַפּן זײערע הענער און אַװעקטראָגן זײ צוריק אין שול אַרײַן.

דזשאָזעס האָן האָט באַשלאָסן זיך אומקערן צו זיך אַפן הויף. דזשאָזע האָט עס גוט פאַרשטאַנען. אינגיכן זײַנען ביידע יינגלעך וואָס אָפגעשטאַנען פון די הענער מיטן הונט, און אַז זיי זײַנען צוגעלאָפן צו דזשאָזעס הויז, האָבן שוין די הענער געהאַלטן באַם סאָף געשלעג אַפן דעכל פון דער היינער־שטײַג, און דינגאָ איז הילפלאָז געשפרונגען אַרום דער שטײַג. _

אומזיסט האָבן די יאַטלעך געוואָלט אָפגיסן די הענער מיט וואַסער. די הענער זײַנען צו הויך געווען. ענדלעך, איז דזשאָזעס האָן אַראָפגעפלויגן פון דאַך און זיך באַהאַלטן אין די קוסטעס. ראַמאָנס האָן האָט זיגעריש אויסגעקרייט זיך קוקאַרעקו, נאָר ער איז שוין אַזוי מיד געווען, אַז ראַמאָן האָט געקאָנט אַרופקריכן אַפן דאַך און אים אַ נעם טון.

ראַמאָן האָט גענומען זײַן ליבלינג אַף די הענט און האָט זיך אומגעקערט אין שול, באַגלייט פונעם גאַנצן אוילעם נאָכגייערס. אין שול האָט ער אויסגעזוכט די צעבראָכענע שטײַג, אַרײַנגעשטעלט אָהינצו דעם פאַרמאַטערטן האָן און פאַרבונדן אים, אַז ער זאָל שוין מער נישט קענען אַרויסשפרינגען.

נישט ראַמאָן, נישט דזשאָזע האָבן שוין איצט קײַן שום האָפענונג נישט געהאַט אַף צו באַקומען די פרעמיע. ביידע הענער האָבן געהאַט אַזאַ טרויעריקן אויסזען, אַז ס׳האָט שוין גאָרנישט געקאָנט זײַן קײַן רייד וועגן אַ פרעמיע. וועגן נישט די לערערקע, וואָלטן זיך ראַמאָן מיט דזשאָזען אומבאַדינגט צעשלאָגן, ווײַל איינער האָט אַף דעם אַנדערן אַרופגעוואָרפן די שולד פאַר דעם, וואָס ס׳האָט זיך געטראָפן.

די לערערקע האָט זי' אָבער גדזאָגט:

— קיינעם דאַרפט איר דאָ ניט באַשולדיקן, אויסער מיך. איך האָב זי' נישט געדאַרפט אַוועקשטעלן איינעם לעבן דעם אַנדערן. אַפֿן צווייטן יאָר זאָלט איר זיך בעסער פּאַרזייען קוקורוזע אָדער דיניעס, ווײַל איך וועל שוין מער קיינמאָל נישט דערלויבן צו ברענגען אין שול אַרײַן אַפילע קײַן איין האָן.

IX. ווי אַזוי אַלץ האָט זיך געענדיקט צום גוטן.

צעטיילן די פּרעמיעס אַף דער אויסשטעלונג איז באַשטימט געוואָרן אַף 3 אַזייגער. די לערערקע מיט די מיטגלידער פונעם שולראַט האָבן באַטראַכט די זאַכן, וואָס די קינדער האָבן געמאַכט, און געגעבן מיינונגען, וועלכע זאַכן זײַנען בעסערע. קאַלזמאַן ס׳האָט זיך באַהאַנדלט די־דאָזיקע וויכטיקע פראַגע, האָט מען קיינעם אין שול נישט אַרײַנגעלאָזט. זײַנען דעריבער די קינדער מיט די עלטערן אַוועקגעגאַן אַפּרוען און עפּעס איבערבײַסן.

פּעטראַ מיט די קינדער האָבן זיך אָפּגערוט אין דעם קאַקאָס־וועלדל, נישט ווײַט פון דער שול. ס׳איז שוין געווען צוויי אַזייגער, און פעליקס האָט זיך נאָך אַלץ נישט אומגעקערט. דרײַ אַזייגער. אַז די שול־טירן האָבן זיך ווידעראַמאָל אופגעעפנט, האָט ראַמאָן באַהאַלטן זײַן האָן אין קאַקאָס־וועלדל און באַפוילן דינגאָן, אַז ער זאָל שטיין און אים היטן. דערנאָך זײַנען פּעטראַ, ריטאַ און ראַמאָן אַרײַנגעגאַנגען אין שול.

פונקט צו דער צײַט, ווען זיי זײַנען צוגעגאַנגען צו דער שול, האָבן זיי דערזען, ווי פעליקס פאָרט אַפן אַלטן קורצעק מיט אַ ליידיקן וואָגן. פּעטראַ האָט אומרויִק אַף אים אַ קוק געטון.

— דו האָסט אַלץ פֿאַרקויפֿט? — האָט זי שטיל געפֿרעגט, ווען פֿעליקס איז צו זיי צוגעגאַנגען.

פֿעליקס האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

זייער קלאַס האָט זיך אַזוי איבערגעביטן, אַז די קינדער האָבן אים קאָם דערקענט. די ווענט זײַנען געווען באַפּוצט מיט פּאַלמען־בלעטער, און אין די ווינקלען זײַנען געשטאַנען גרויסע בוקעטן. אויף דער פּאַרטע בײַ יעדן קינד איז געווען אויסגעשטעלט דעם קינדס אַרבעט. דאָ איז געלעגן גרינס, אויסגעוואַקסן אין די קינדערשע אייגענע גערטנדלעך. דאָ זײַנען געווען שטיקלעך שטאָף, וואָס די קינדער האָבן אַליין אויסגעוועבט מיט האַנט־וועבערײַען. ס׳האָבן זיך דאָ געפֿונען שיינע אויסהעפּטונגען פֿון די מיידעלעך און פֿלעשלעך פֿון קאָקאָס־ניס, וואָס די קינדער האָבן שיין אַרומגעשניצט.

אויף די פּאַרטעס זײַנען געשטאַנען קוישן, געמאַכטע פֿון באַמבוק, און מאַטן געפֿלאָכטענע פֿון פּאַלמען־בלעטער.

ס׳איז געווען אַ זעלטענע אויסשטעלונג. די לערערקע האָט געשטראַלט פֿון שטאָלץ, און אַלע טאַטעס און מאַמעס זײַנען איבערגעגאַנגען פֿון פּאַרטע צו פּאַרטע און אָנגעקוואָלן פֿון זייערע קינדערס אַרבעט. נאָר ראַמאָנס און דזשאָזעס פּאַרטעס זײַנען געשטאַנען ליידיקע.

פֿאַר ראַמאָנען איז עס געווען צו אַ שווערער קלאַפּ. שטילינקערהייט האָט ער זיך דורכגעשטופּט צווישן די דערוואַקסענע, זיך אַ לאָז געטון דורך דער טיר און אַוועק אין קאָקאָס־וועלדל. אויב ער האָט דאָרט אַפֿילו געלאָזט פֿאַלן עטלעכע טרערן, האָט אויך קיינער דערפֿון נישט

געוווסט, אַכוץ דינגאָן. און דינגאָ וועט דאָך עס קיינמאָל קיינעם נישט קענען דערציילן.

אָפּגעוואַרט אַבי עלע, האָט זײַן נײַגעריקײַט בײַגעקומען דעם אומגליק, וואָס ער האָט איבערגעטראָגן, און ראַמאָן איז באַנײַס אַוועק אין שול. ער האָט זיך דורכגעשטופּט דורך דעם פול־געפּאַקטן צימער און דורך אַ שפּאַרונקע צווישן די מענער, וואָס זײַנען פאַר אים געשטאַנען, האָט ער דערזען, ווי דער עלטסטער פון שטאָט איז אַרויף אַף דער קאַטעדרע, קעדיי צו צעטיילן די פּרעמיעס. ער האָט געהאַלטן אין די הענט ריטעס קוישל, און הערט נאָר, וואָס ער זאָגט:

— די ערשטע פּרעמיע ווערט צוגעמישפּעט צו ריטאַ סאַנטאָס פאַר איר זעלטן שיין קוישל. דאָ זײַנען פאַראַן נאָך שיינע קוישלעך, וואָס אַנדערע קינדער האָבן געמאַכט. ריטאַ איז אָבער דאָס איינציק מיידעלע, וועלכע האָט אַליין אויסגעשניטן און צוגעגרייט דעם מאַטעריאַל. זי האָט אויך אַליין צוגעטראַכט די פאָרמע פונעם קוישל און דאָס בליי־מעלע אַף אים.

ס'האָבן זיך צעטראָגן הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן. די מענטשן, וואָס פאַר ראַמאָנען, האָבן זיך פאַנאַנדערגערוקט. און ער האָט דערזען ריטען. ריטאַ איז אַרויסגעגאַנגען פאָרויס און באַקומען פונעם עלטסטנס הענט איר קוישל מיט אַ באַנק־בילעט, וואָס איז צו אים געווען צוגעפּעס־טיקט. ראַמאָן האָט געזען, ווי פעליקס און פּעטראַ שײַנען פון שטאָלצקײַט, ער האָט געזען, ווי פּעטראַ זוכט אים מיט די אויגן, קעדיי צו זען, צי פרייט ער זיך מיט ריטעס דערפאָלג. דאָס איז געווען אַ שווערע מינוט פאַר ראַמאָנען.

אים האָט זיך פאַרוואָלט זײַן איצט ווידעראַמאָל אינעם קאָ־קאָס־וועלדל און זיך דאָרט אָביסעלע אויסוויינען; אָבער פונקט אין דערזעלבער מינוט האט אים די מאַמע דערזעען און זי האָט צו אים אזוי פריידיק אַ שמייכל געטון, אַז ער האָט איר אָף צוריק אויך געשמייכלט. און ראַמאָנען איז מיטאַמאָל געוואָרן פריילעכער און גרינגער.

אַז מע האָט שוין אַלע פרעמיעס פאַרטיילט און דער אוילעם איז אַרויס פונעם הייסן צימער אָפן שול־הויף, איז שוין ראַמאָנען שיר נישט אַזוי פריילעך געווען, פונקט ווי ער אַליין וואָלט עס באַקומען די פרעמיע.

בעיס זיי זיינען זיך אַזוי געשטאַנען אָפן שול־הויף זײַנען פון שול אַרויסגעגאַנגען צוויי אַמעריקאַנערנס, וועלכע זײַנען אָנגעקומען פון מאַנילע. איינע פון זיי האָט זיך אָפגערופן צו דער אַנדערער, ווײַזנדיק אָף ריטען:

— דאָס איז דאָס מיידעלע, וועלכע האָט באַקומען די ערשטע פרעמיע.

זי איז צוגעגאַנגען צו ריטען און געזאָגט:

— דערלויבסט מיר אַ קוק טון נאָכאַמאָל דײַן קוישל?

ריטאָ האט דערלאַנגט דער אַמעריקאַנערן דאס קוישל און האָט מיט פאַרוואונדערטע אויגן געקוקט אָף די אויס־לענדערנס.

— איך בעט אײַך, זי האָט דאָך אַליין געמאַכט אינ־גאַנצן אַליין, — האָט זיך אָפגערופן די עלטערע אַמערי־קאַנערן, באַטראַכטנדיק דאָס קוישל פון אַלע זײַטן. — מיר וואָלט זיך וועלן באַווײַזן דאָסדאָזיקע קוישל פאַר די אַמע־ריקאַנער קינדער; זאָלן זיי זען, וואָס פאַר אַ שיינע זאַכן די פיליפינער קינדער קענען מאַכן. — זי האָט זיך אויסגע־

קערעוועס צו ריטען.—טאָמער וואָלסטו מאַסקים געווען פאַרקויפן מיר דײַן קוישל? — האָט זי געפרעגט.

ריטאַ האָט אָפּגעזיפצט: דאָס קוישל איז פאַר איר גע־ווען די טײַערסטע זאַך אויף דער וועלט.-ווי אַזוי־זשע וועט זי איצט קענען זיך מיט דעם צעשיידן? ריטאַ האָט שוין געהאַט אויסגעשטרעקט איר הענטל אויף אָפּצונעמען דאָס קוישל; האָט זי זיך אָבער גלײַך דערמאָנט וועגן דער שלעכטער געדרעטעניש אויף רײַז, וועגן די נעצן און וועגן דעם, ווי אַזוי זיי נײַטיקן זיך אין געלט, און זי האָט איר האַנט גלײַך אַ כאַפּ געטון אויף צוריק.

— כ'וועל דיר געבן פאַרן קוישל צען פּעזאָס, — האָט די דאַמע געזאָגט.

צען פּעזאָס! אין די אויגן פון פעליקס סאַנטאָסעס קליי־נער טאָכטער איז דאָס געווען אַ גאַנצער פאַרמעגן. זי האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויף יאָ, דערנאָך האָט זי אָבער לאַנג, לאַנג נאָכגעקוקט די אַמעריקאַנערנס, וואָס זײַנען אַוועקגעגאַנגען מיט איר קוישל.

די אויסשטעלונג אין שול איז געווען נאָר אַ טייל פּ׳נעם יאָנטעוו. באַלד איז דער אוילעם פונעם שול־פּלאַץ אַוועק אין שטאָט אַרײַן, קעדיי צו זײַן אויף נאָך פאַרווײַלונגען.

אַז זיי זײַנען געבליבן אַליין, האָט ריטאַ אָפּגעגעבן איר פּרעמיע מיט די צען פּעזאָס דעם טאַטן אין די הענט.

— אַצינד וועסטו זיך קאָנען קויפן נעצן? — האָט זי גע־פרעגט און פאַרבאַהאַלטן איר שטראַלנדיק פּענימל אויף דער מאַמעס ברוסט.

פעליקס האָט אַ קוק געטון אויפן געלט און זײַנע אויגן האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט טרערן. פּעטראַ האָט צוגעטוליעט

צו זיך די טאָכטער, און א ווײַלע האָבן אלע געשוויגן. ראַמאָן האָט זיך באַנײַס דערמאָנט פון זײַן באַליידיקונג און זײַן דורכפאַל און ער האָט מיט פאַרדראָס א קוק געטון אויף האָן; ער האָט דאָך אזוי שטאַרק געוואָלט העלפן דעם טאַטן מיט דער מאַמען.

— ווען דערדאָזיקער מעשוגענער האָן זאָל נישט געווען אַנטלויפן און פאַטערן מיר די גאַנצע סימכע, וואָלט איך אייך געהאַט פאַר אײַך געלט.

די מאַמע האָט אים צוגעשמייכלט, צוגעצויגן אים צו זיך און אַרומגענומען ביידע קינדער מיטאַמאָל.

— פאַרשטייט זיך, פאַרשטייט זיך,— האָט זי אויסגע־רופן,— איך ווייס, ווי אזוי דו האָסט אונדז געוואָלט העלפן.

דערנאָך האָט זי געכאַפּט א קוק אויף מאַן, וואָס איז אַלץ געשטאַנען און געטאַפּט דאָס געלט, ווי ער וואָלט נישט געקאָנט גלויבן, אז דאָס איז טאַקע עמעס געלט, ווי ער וואָלט מוירע געהאַט, זיי זאָלן נישט אַוועקפליִען פונקט אזוי פּלוצים, ווי זיי זײַנען צו אים געקומען.

— צי קלערסטו נישט, אז מיר וואָלטן געקאָנט איצט אויסקויפן אָף צודיק אַ טייל רײַז?— האָט פּעטראַ געפרעגט.— די שיף איז נאָך נישט אַוועק פון האַפן; דאָ זײַנען דאָך ערשט מיט עטלעכע מינוט פריִער מאַנילער מענטשן געווען.

פעליקס איז גלײַך האָפערדיק געוואָרן:

— קלעטער גיכער,— האָט ער א געשריי געטון צו ראַ־מאָנען און באַוויזן אויפן אַלטן קורצעק.

אין אַ רעגע אַרום איז שוין ראַמאָן געזעסן באַם קאַראַבו אָף דער פּלייצע, און דער וואָגן האָט זיך צעסקריפּעט איבער

גאַס, און פעליקס איז געלאָפן לעבן וואָגן. ריטאַ מיט דער מאַמען מיט דינגאָן זײַנען געלאָפן נאָך זיי.

אַז זיי זײַנען צוגעפאָרן צום האַפן, האָט זיך פּונקט דערהערט דער שנײַדנדיקער פײַף פונעם דאַמפער, און די פּאַסאַזשירן האָבן געאײַלט אין דאַמפער אַרײַן. ראַמאָן האָט דערזען, אַז אָט־אָט פירט מען אַוועק זייערע זעקלעך רײַז, האָט ער גענומען אונטערקלאַפּן דעם אַלטן קורצעק, וועלכער האָט זיך אַוועקגעיאָגט גאַלאָפּ צום ברעג.

פעליקס איז אוועקגעלאָפן אַפריִער. אַרופגעלאָפן די טרעפּלעך, און שפּעטער מיט אַ מינוט איז ער שוין געווען אַפן שיפדעק. ראַמאָן האָט געזען, ווי דער טאַטע שטייט אָן אופגערעגטער און טײַנעט עפּעס אײַן מיטן קאַפּיטאַן. די מאַטראָסן האָבן שוין גענומען אָפּבינדן די קאַנאַטן, בעיס פעליקס האָט זיך באַנײַס באַוויזן אַפן דעק און איז אַראָפּ אַפן ברעג מיט אַ זעקל רײַז אַף דער פּלייצע. ער האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם זעקל לעבן פּעטרען און איז צוריק אַוועקגעלאָפן און איבער אַ מינוט געקומען צו לויפן מיט אַ צווייטן זעקל. אַזוי האָט ער איבערגעטראָגן פיר מאָל. די מאַטראָסן האָבן דערווײַל צונויפגעוויקלט די קאַנאַטן און געאײַלט זיך אָפּפאָרן. דערנאָך האָט דער טאַטע עפּעס ווידעראַ גערעדט מיטן קאַפּיטאַן, און פּונקט ווען מע האָט גענומען אופהייבן די טרעפּלעך, איז פעליקס איבער זיי איבערגעשפּרונגען צום לעצטן מאָל און איז אַ שטראַלנדיקער צוגעגאַנגען צו די זײַניקע.

— דער קאַפּיטאַן האָט טכילעס גאָרנישט ניט געוואָלט אָפּגעבן, — האָט פעליקס געזאָגט. — נאָר מיט ריטעס געלט און מיטן געלט, וואָס איך האָב באַקומען פאַרן פאַרקויפט

רײַז, האָב איך נישט נאָר אויסגעלייזט דידאָזיקע פיר זעק־לעך — און דאָס וועט שוין אונדז קלעקן—נאָר כ׳האָב נאָך אויך באַשטעלט באַ אים אלע זאַכן פאַרן פליט. און דער קאַפּיטאַן וועט מיר אַלץ ברענגען, אז ער וועט צום צווייטן מאָל קומען.

דערנאָך האָבן די רעדער פונעם דאַמפער גענומען פּאַ־נאַנדערשנײַדן דאָס וואַסער, און דער דאַמפער האָט פּאַ־מעלעך אָנגעהויבן אַרויסשווימען אין אויסגוס. די מיש־פּאָכע סאַנטאָס איז געשטאַנען באַם ברעג און נאָכגעקוקט דעם דאַמפער, ביז ער האָט זיך שוין קאָם אַרויסגעזען ווײַט. ווײַט איבערן בלויען וואַסער.

דערנאָך האָבן זיי אַרופגעלייגט די זעקלעך אָפן וואָגן, די קינדער מיט פּעטרען האָבן זיך אופגעזעצט אָף די זעק־לעך, און זיי זײַנען ווידער אַוועקגעפאָרן אין שטאָט אַרײַן.

— איצט איז שוין אַ סאָף צו אונדזערע דײַגעס, — האָט פּעטראַ געזאָגט.

— מיר דאַרפן דאַנקען אונדזער גוט, פּלײַסיק טעכ־טערל, — האָט פעליקס צוגעגעבן. — מיר וועלן שוין איצט האָבן רײַז ביז דער נײַער -גערעטעניש, און אַ פליט וועט באַ אונדזאינגיכן זײַן נאָך אַ בעסערער, ווי דער אַלטער פלוצלינג האָט פּעטראַ אויסגעשריגן:

— אָבער שטענדיק מוזן מיר עפּעס פאַרגעסן. מיר האָבן דאָך אינגאַנצן פאַרגעסן ראַמאָנס האָן.

זיי זײַנען צוגעפאָרן צום קאָקאָס־וועלדל, אַוועקגע־שטעלט דעם וואָגן לעבן דעם שטײַגל, אז דינגאָ זאָל זיי היטן. און אַליין האבן זיי שוין ביז פאַרנאַכט אומגעשפּאַ־

צירט איבער דער שטאָט און האָנאָע געהאַט פון די שיינע זאַכן, וואָס זײַנען אויסגעשטעלט אין די מאַגאַזין־שויבן.

אַז פּעטראַ האָט פאַרקויפט איר אויסנייעכץ, האָבן זיי זיך שוין דערפילט אַזוי רײַך, אַז זיי האָבן אײַנגע־קויפט יעדערן צו פאַר שיך, און ריטען אַ קליידל אַכוץ.

ווען זיי זײַנען אַרויס פונעם מאַגאַזין מיט זייערע אײַנגעקויפטע זאַכן, איז שוין געווען שפּעט; דער יאָנטעוו אין שטאָט האָט זיך נאָך אָבער נישט געענדיקט. זיי האָבן דערהערט מוזיק און זײַנען אינײַנעם מיט אַן אוילעם אַרײַן אין סקווער און דערזעען דאָרט אַן אָפענע פּלאַטפאָרמע. דרײַ מענטשן האָבן דאָרט פאָרגעשטעלט, ווי אַזוי אַ רויבער האָט געפאַנגען די שיינע פּרינצעסן, און אַ בראַווער ריטער האָט זי געראַטעוועט.

צוויי ריטער, אַ בראַוער און אַ בייזער, האָבן זיך גע־דרייט אַרום דער פּרינצעסן, געוואָלט דורכשטעכן איינער דעם צווייטן מיט די שווערדן, און אין דערזעלבער צײַט אַף אַ קאָל דעקלאַמירט לידער איינער פאַר דעם אַנדערן. אַז זיי האָבן געענדיקט דעקלאַמירן, איז די פּרינצעסן אַרויס־געגאַנגען פאָרויס און דערציילט איר גאַנצע געשיכטע, און צווישן איין רעדע און דער אַנדערער האָט דער אָרקעסטער געשפּילט אַזוי שטאַרק, פּונקט ווי ער וואָלט וועלן צעפּלאַצט ווערן פון מוזיק. פּעטראַ מיט די קינדער זײַנען געשטאַנען, ווי פאַרקישעפט. ענדלעך, האָט פעליקס אַ טאָרע געטון פּעטרען מיטן עלנבויגן און אָנגעוויזן איר אַף דער זון. די זון איז ווי אַ ריזיקער רויטער קײַלעך געשטאַנען איצט

פֿונקט איבער די באַטאַנער בערג, וווּ עס הינטערן אויסגוס, זי איז לאַנגזאַם פֿאַרגאַנגען אויפֿן הימל־ראַנד, פּונקט ווי זי וואָלט אַוועק רוען, דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן זינקען הינטער די בערג אַלץ נידעריקער און נידעריקער, ביז ס׳איז אין דערדאָזיקער הימל־זײַט גאָרנישט ניט איבערגעבליבן, אויסער אַ רויטן אָפּגלאַנץ.

די פּיעסע האָט זיך פֿאַרענדיקט באַם זון־אונטערגאַנג, און דער אוילעם האָט זיך גענומען פֿאַנאַנדערגיין. ס׳האָט גיך אָנגעהויבן טונקל ווערן. פֿעליקס, פּעטראַ און די קינדער האָבן זיך געשווינד אַוועקגעלאָזט צום קאָקאָס־וועלדל, וווּ דער אַלטער קורצעק איז נאָך אַלץ געשטאַנען אײַנגעשפּאַנט אין וואָגן און האָט געדולדיק אויף זיי געוואַרטדינגאָ איז זיי מיט אַ שפּרונג געלאָפֿן אַנטקעגן.

די לעוואָנע איז שוין געשטאַנען הויך אין הימל, בעשאַס זיי האָבן פֿאַרקערעוועט אויף זייער הויף און דער וואָגן האָט זיך אָפּגעשטעלט באַם קליינעם שטיבל.

פּעטראַ איז אַראָפּגעשפּרונגען פֿון וואָגן און גיך אַרײַנגעלאָפֿן אין שטוב אַרײַן, קעדיי וואָס גיכער אײַנהייצן אויף וועטשערע. ריטאַ האָט אַרײַנגעטראָגן אין שטוב די נײַע שיך און איר נײַע קלייד און האָט עס אַלץ פֿאָרזיכטיק אַרײַנגעלייגט אין קופֿערט, ראַמאָן האָט דערווײַל אַרויסגעלאָזט דעם האָן פֿון שטײַג, און פֿעליקס האָט אַנידערגעשטעלט די טײַערע זעק׳עך רײַז. דערנאָך האָט מען דעם וואָגן פֿאַרשטעלט ... זײַן געוויינלעך אָרט אונטערן הויז. ראַמאָן האָט ... אַרויסגעזעצט רײַטנדיק אויפֿן קורצעק און איז ...ועקגעפֿאָרן מיט אים אויף פּאַשע.

אין עטלעכע מינוט ארום, אז ראָמאַן האָט זיך אומגעקערט אינײַנעם מיט דעם נאָכלויפנדיקן דינגאָ, האָבן די פענצטערלעך פונעם קלײנעם שטיבל פרײַנטלעך געלויכטן, און פון דער אָפענער קיך האָט זיך דערטראָגן דער ליבער רײעך פון געקאָכטן רײַז.

צענטראַלע ייִדישע ביבליאָטעק

אינהאַלט

	זײַט
I. דער אַלטער קורצעק	3
II. דער שלאַקס־רעגן. מע פּאַרזעצט רײַז	16
III. דינגאַ און די קלײנע ברױנע הון	26
IV. אַפּן פּליט	33
V. דער טײַפון	44
VI. נאָכן שטורעם	56
VII. דער שניט	67
VIII. דער יאָנטעװ פון גערעטעניש	77
IX. װי אַזױ אַלץ האָט־זיך געענדיקט צום גוטן	84

שול- און פּיאָנערן־ביבליאָטעק

1. ווערגא — געשטעמפּלטער געלער .... 15—
2. מולטאַטולי — סאַיד און אַדינדע .... 15—
3. לאָנדאָן — דערציילונגען (אויספאַרקויפט)
4. דיקענס — אָליווער טוויסט (אויספאַרקויפט)
5. קאַראַטי — ביני און טשיקא .... 50—
6. שאָלעם־אַליכעם — מייסעס (מעסושעלאַך און ריאַבטשיק) 25—
7. טראַצקי — אַהין און צוריק .... 45—
8. לאָנדאָן — בעק .... 40—
9. גאָרקי — 9-טער יאַנוואַר (אויספאַרקויפט)
10. אוליאַנאָוואַ — איליטשס קינדער-יאָרן (אויספאַרקויפט)
11. לעשטשינסקאַיאַ — ראָזאַ ליוקסעמבורג (אויספאַרקויפט)
12. וויניטשענקאָ — פעדקע כאַלאַמידניק .... 25—
13. קאַראַטי — טשיקאַ אין רוסלאַנד .... 45—
14. שאָלעם־אַליכעם — קינדערשע און יינגלשע יאָרן .... 40—
15. טשעכאָוו — קאַשטאַנקע .... 15—
16. ליר — אונדזער אַלוועלטלעכע אַרמיי .... 30—
17. ליר — זיער פּיאָנער אינדערהיים .... 15—
18. קופּרין — ווייסער פּודעל .... 25—
19. וולאַסענקאָ — פון דער שאָף ביזן טשערוואָנעץ .... 25—
20. נאָוויקאָוו־פּריבאָי — אַפן גרונט פון יאַם 35
21. דמיטריעוו און יאַכאָנטאָוו — טרעגער .... 30—
22. סוועסטער — אַרוועץ .... 15—
23. נאָוואָרוסקי — אַפן טויטן אינזל .... 35—
24. גריגאָראָוויטש — דאָס גומענע יינגעלע .... 30—
25. קאָראָלענקאָ — קינדער פון קעלער .... 20—
26. אועלס — אוג-לאָמי .... 35—
27. לאָנדאָן — פאַרשטרייקט .... 15—
28. רייסנער — קאַזאַן .... 25—
29. קיפּלינג — קאָטוקאָ .... 25—
30. גאָרקי — דערציילונגען .... 25—
31. זאָליאַ — דאָס געהייסער .... 30—
32. אוידאַ — אין סטעפּ .... 25—
33. וויניטשענקאָ — דער באָבעס מאַסאָנע .... 45—
34. לעסקאָוו — די כאַיע .... —
35. פּיטש פּערקינס — אין די בערג .... —
36. פּיטש פּערקינס — קליינע שווייצאַרער .... —
37. דזשאָן — סאָם פון פּרידלעכן טאָל .... —
38. קופּרין א. א. — אין שאַכטע .... —

Шкільно-Піонерська Бібліотека

.582 55

Л. ФІЧ-ПЕРКІНС

ДІТИ ОКІЯНУ

КООП ВИДАВНИЦТВО „КУЛЬТУР-ЛІГА“